UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Kheshbn No. 133- Spring 1999 - Journal

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/0mm4t7d8

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 133(1)

Publication Date
1999

Copyright Information
Copyright 1999 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען

# 133

SPRING
1999

פרילינג
תשנ"ט

אַרויסגעגעבן פון:
לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב

# זייט איר שוין אַ מיטגליד אין
# אַרבעטער רינג?

דאָס איז די עלטסטע יידישע פּראַטערנאַלע און סאָציאַל־פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.

דער אַרבעטער רינג גיט זיינע מיטגלידער אַ מעגלעכקייט צו זיין אַקטיוו אויפן געביט פון אָנהאַלטן און אַנטוויקלען די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אוצרות פון אונדזער פאָלק צו אָרגאַניזירן אין די ראַמען פון די ברענטשעס פּראַטערנאַליזם און קעגנזייטיקע הילף.

פאַר גענויערע אינפאָרמאַציע שרייבט צו:

**THE WORKMEN'S CIRCLE**

Los Angeles, Calif. 90035 • 1525 S. Robertson Blvd.

(310) 552-2007 אָדער טעלעפאָנירט



# HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048



**EDITORIAL BOARD:**

**MOSHE SHKLAR**, Editor
469 N. Orlando, L.A., CA 90048

**ISRAEL GUBKIN**
Co-editor

**ADMINISTRATIVE COMMITTEE**

**N. STEINMAN**, Financial Sec'y
12017 Goshen Ave., Apt. 7
L.A. CA 90049 - Tel: 310/820-2976

**H. HIRSH**, Administrator

Members: **L. MEISNER, J. SHAFER & Z. MALEVITZ**

# אינהאַלט


שלום עליכם וועגן זיך........................................................3

לעוו בערינסקי: ליד ........................................................7

לילקע מייזנער: אין דער נאַכט פון שטילן אומעט ........................8

פיניע פלאָטקין: ליד........................................................12

משה שקליאַר: דער שליח פון יידישן וואָרט ..............................13

דריי ביכער - דריי לידער,....................................................23

משה וואָלף: דער לעצטער זינגער פון ביראָבידזשאַן, בוזי מילער ..........25

צבי אייזנמאַן: ווייסער קעז ..................................................35

חיים לאַנדאַו: מיין ערשטע פרילינגס־ליבע איז געווען דער השומר הצעיר ..........38

שירה גאָרשמאַן: מיניאַטורן....................................................44

אברהם ליס: פוילן, ביאַליסטאָק - אַפּריל 1983................................46

מ. אייזענבוד: פאַרבעטונג......................................................52

לייב באָראָוויק: ליד ..........................................................52

יחזקאל קאַמעראַז: דער אָנהייב פון אַ פיינפולן וועג ........................57

גרוניא סלוצקי־קאהן: מענטשן פון אונדזער סביבה ........................66

אליביידער: אַפּאָריזמען ......................................................68

שושנה באַלאַבאַן־וואָלקאָוויטש: די 8־טע סעסיע פון וועלטראַט..............69

אָנגעקומען אין רעדאַקציע....................................................72

נ. שטיינמאַן: כראָניק פון ל.א. יידישן קולטור־קלוב ........................73

משה שקליאַר:
רעדאַקטאָר

ישראל גובקין:
מיטרעדאַקטאָר

# חשבון

נומ. 133

פּעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

פאַרוואַלטונג מיטגלידער:
נתן שטיינמאַן, פינ. סעקר.
צבי הירש, פאַרוואַלטער
זעלדע מאַלעוויטש
לילקע מייזנער
יעקב שייפער

53־ער יאָרגאַנג, נומער 133 • פרילינג 1999 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.

## צום 140־טן געבוירניאָר פון שלום־עליכם

### שלום־עליכם וועגן זיך*

...אין אַ קליין שטעטל וואראנקא ווי אַ טל ומטר די גרויס, נישט ווייט פון דער שטאָט פּערעיאַסלאַוו (וווּ איך בין אינעם יאָר 1959 געבוירן) - דאָרט האָב איך פאַרבראַכט די בעסטע גילדענע יאָרן, מיינע ערשטע גוטע נאַרישע קינדערישע יאָרן. אין דעם דאָזיקן קליינעם וואראנקא איז



מיין פאָטער געווען דער מיוחס, דער גביר, דער גבאי ראשון פון אַלע חברות - "רב נחום וועוויקס"! און מיר, רב נחום וועוויקס קינדער - אויך נישט קיין קליינקייט! אַלע שבת צו־נאַכטס איז געווען ביי אונדז אַ מלוה־מלכה פאַר דעם גאַנצן שטעטל; אַלע יום־טוב איז מען געקומען צו אונדז אויף קידוש; אַלע נייעס האָט מען געבראַכט צו אונדז און אַרויסגעטראָגן פון אונדז; אַ גלעזל וויין האָט מען געטרונקען ביי אונדז; פונעם רבין האָט מען גערעדט ביי אונדז, פון פּאָליטיק - ביי אונדז, אַלצדינג - ביי אונדז. און אונדז, נחום וועוויקס קינדער, האָט מען געהאַלטן חשוב, געפירט בדרך־הישר, אָפּגעגעבן צום בעסטן מלמד, צו רב זרחן און פרום זענען מיר געווען באמת.

איך געדענק נאָך אַצינד דעם זיסן טעם פון די טרערן, וואָס מיר האָבן פאַרגאָסן פון אונדזער רבינס מוסר. אַלע טאָג פלעגט אונדז דער רבי רב זרח זאָגן אַ ביסל מוסר און מיר פלעגן זיך נאָכדעם, ביים דאַוונען, שלאָגן "אשמנו" אויף אונדזערע גרויסע זינד, וואָרעם אינאיינעם מיטן פרומקייט זענען מיר געווען אויך גרויסע־גרויסע בעל־עבירות: ליגנערס, נאַשערס נישט געפּאָלגט דעם טאַטן, געהיפּט אינעם דאַוונען, געגנבעט געלט פון דער צדקה־פּושקע (זע "דאָס מעסערל"). היינט הרהורים, מחשבות זרות, געדאַנקען!... איינער איז געווען צווישן אונדז אַ חבר, אַן עלטערער, אלי האָט ער געהייסן, אלי קייליס, אַ יינגל אַ חתן - האָט ער אונדז דערציילט מעשיות, געוועקט ביי אונדז דעם יצר־הרע, פאַרדאָרבן, געמאַכט אונדז פאַר גרויסע... און נאָכדעם האָט דער רבי געזאָגט מוסר, און

* שלום־עליכם: "צו מיין ביאָגראַפיע".

מיר האָבן געוויינט געגאָסן מיט טרערן און געדאַוונט ערלעך, נישט געהיפּט, געשלאָגן זיך "אשמנו" און געוויינט, געוויינט און תשובה געטאָן.

די פאַנטאַזיע איז ביי מיר געווען פון קינדווייז־אָן מאָדנע גרויס און צעהיצט. הייזער האָבן ביי מיר אויסגעזען ווי שטעט, הויפן - מדינות,ביימער - מענטשן, מיידלעך - בת־מלכהס, רייכע יונגעלייט - פּרינצן, גראָז - חול, שטעכלקעס און קראַפּיווע - פּלשתים, אדום און מואב, און איך פלעג גיין אויף זיי מיט מלחמה (זע "גרינס אויף שבועות).

אויפכאַפּן דאָס לעבעדיקע פון יעדער זאַך און פון יעדן מענטשן - דאָס איז געווען ביי מיר כמעט אַ חולאת. איך פלעג, נישט ווילנדיק, נאָכמאַכן איטלעבן באַזונדער. פונעם רבין רב זרח מיט זרחלעכן מיט אַלע חברים מיט זייערע טאַטע־מאַמע ביז ברוך דעם שכור און, להבדיל, אַניסקאַ דעם סטרוזש מיט די אויסגעדרייטע פיס - און פאַר אַט דעם נאָכמאַכן האָב איך געכאַפּט פעטש, ווי האָלץ. אין חדר בין איך געווען די "פאַרשלעפּטע קרענק" (דער קאָמיקער). אַלע פלעגן לאַכן, ביזן טויט לאַכן, אַ חוץ מיר. נאָר אין דער היים האָט די מאַמע באַמערקט מיינע שטיק און פון דעמלט אָן האָט זי גענומען אויסקאָרעניען אין מיר די דאָזיקע תנועות.

נאָך איינער איז געווען מיט מיר אַ גלייכער אויף מאַכן אָנשטעלן, זיך פאַרשטעלן, "שפּילן", זיך גרימירן" און בשעת מעשה זינגען שייגע, וווּנדער־שיינע לידער. דאָס איז געווען מאירל דעם רבס, אָדער מאירל מעדוועדיעוו, דער געוויסער נאָכדעם באַרימטער אַרטיסט מעדוועדיעוו. די קונץ פון "שפּילן" איז געווען אַנטפּלעקט פאַר אים נאָך דעמלט, ווען ער איז געגאַנגען באַרוועס און געזונגען דאָס שענסטע ליד פאַר אַ גראָשן אָדער פאַר אַ האַלבן עפּל*.

מירביידע, איך און מאירל מעדוועדיעוו, האָבן געשפּילט דעם "גזלן" - אַ טעאַטער־שטיק פון אונדזער אייגענער פאַנטאַזיע. מעדוועדיעוו איז געווען דער גזלן, איך בין געווען דער ייד, דער אָרעמאַן און די איבעריקע חברים זענען שוין געווען דער וואַלד (די ביימער פונעם וואַלד - סטאַטיסטן). איך, דער ייד דער אָרעמאַן, בין געשטאַנען פאַר אים, פאַרן גזלן, אויף די קני, געטענהט: "וואָס האָסטו צו מיר? איך בין אַ ייד אַן אָרעמאַן, אַן אביון! האָב רחמנות אויף מיין ווייב און קינדער!"... און ער, דער גזלן (מעדוועדיעוו), מיט אַ קאָלאַדאַטש־מעסער אין האַנט, האָט געזונגען זייער אַ שיין לידל: אַז ער מוז, מוז אויסקוילן אַלע יידן!...

ווי ווייט פאַרדאָרבן און שלעכט דערצויגן מיר זענען נישט געווען, איז דער געפיל פון צער בעלי־חיים געווען ביי מיר אַזוי גרויס, אַז אַ קראַנק פערד האָט מיך געקרענקט (זע "מתושלח"), אַ הונט מיט אַן איבערגעבראָכענעם פוס האָט אַרויסגערופן ביי מיר טרערן (זע "ראַבטשיק"). און אפילו אַ קאַץ, וואָס איז גאָר אַ טמא, אַ שרץ, איז ביי מיר געווען טייער און ליב. און פון קראַנקע אָרעמע קינדער שמועסט מען נישט (זע "באַשעפעניש").

דער חשק פון שרייבן - מערקווירדיק! - האָט זיך גענומען ביי מיר פון דעם רבין רב זרחס זעלטן שיין הענטל. פאַר אַ שיינעם "כתב" האָט אונדז דער טאַטע געשענקט אַ גראָשן (דער ערשטער "האָנאָראַר"), און צוליב דעם שיינעם כתב האָב איך זיך אויפגעגנייט אַ ביכל און האָב שיין אָנגעשריבן ("פאַרפאַסט") אַ גאַנצן חבור אויף תנ"ך

---

* איך געדענק אַ לידל מיט דער מעלאָדיע: / "גיי איך אַרויס אין דער ווילנער גאַס, הער איך אַ קול מיט אַ גרויס געשריי: / אוי־וויי! - / מען שרייט אַזוי..."

און אויף דקדוק, און אַז איך האָב דאָס באַוויזן דעם טאַטן, איז ער נתפּעל געוואָרן פון מיין "ווערק" און האָט דאָס לאַנג־לאַנג אַרומגעטראָגן ביי זיך אין קעשענע, באַוויזן איטלעכן באַזונדער, ווי שיין זיין זון שרייבט (אַלט האָב איך באַראַפּט זיין דעמלט אַ יאָר צען), ווי קלאָר ער איז אין תנ"ך און ווי גוט ער קען דקדוק. דערויף האָט געזאָגט אונדזער שכן, אַ ייד אַ חסיד מיט אַ צאַפּן־בערדל, רב אייזיק, וואָס פּלעגט קווימשען בשעת דאַוונען, ווי אַ קעצל: "דקדוק - שמינדוק - בינדוק בלע"ז! דער עיקרשט איז ביי מיר דאָס הענטל! אַ גילדן הענטל!"... (די ערשטע קריטיק).

געצויגן האָט מיר אַלץ אַהין, אין יענע עולמות פון רוחניות, פון חלומות, פון נגינה (זע "יוסעלע סאָלאָוויי"), פון שפּילן (זע "סטעמפּעניו"), און איך האָב אַליין נאָך דעם בר־מצווה בגנבה זיך צוגעכאַפּט צום פידל - און איך האָב געכאַפּט דעם רעכטן פּסק פון מיין טאַטן (זע "אויפן פידל").

פאַראָרעמט געוואָרן, זענען מיר איבערגעפאָרן פון וואראנקא צוריק קיין פּערעיאַסלאַוו. דאָרט האָט מען אונדז אויפגעגנייט די ערשטע מאָדנע קאַפּאָטקעלעך, מיט אַ שפּאַלט פון הינטן. און אַז די מאַמע איז געשטאָרבן (פון דער כאָליערע), האָט אונדז דער טאַטע אָפּגעגעבן אין דער "שקאָלע", און איך האָב מיך אויסגעפיינט צווישן אַלע קינדער, באַוויזן אַ סך בריהשאַפט און נאָך דעם ערשטן ביכל, וואָס איך האָב אין מיין לעבן געלייענט צו פופצן יאָר, "ראָבינזאָן קרוזאָ", האָב איך תיכף ומיד געמאַכט אַן אייגענעם "ראָבינזאָן קראָזאָ", מיטן נאָמען: "דער יידישער ראָבינזאָן גרוזאָ", באַוויזן דעם טאַטן און דער טאַטע האָט באַוויזן די אורחים (ביי אונדז איז געווען אַן אכסניה), און אַלע זענען אַרויס פון די כלים!

פון דעמאָלט אָן האָט דער טאַטע געקוקט אויף מיר, ווי אויף אַן אבן־טוב, מיך אַרויסגענומען פון דער שטיף־מאַמעס רשות, נישט געלאָזט, מען זאָל מיך שלאָגן, נישט געלאָזט מיך וויגן אירע קליינע קינדער, נישט געגעבן מיר האַקן ראָזשינקעס, ווי פריער (ביי אונדז איז געווען אויך אַ ווייַנקעלער מיטן נאָמען "יוזשני בערעג"), און פאַרווערט מיר פּיצן פאַר די אורחים די שטיוול, שטעלן דעם סאַמאָוואַר, לויפן אַ גאַנג, וכדומה אַזעלכע מלאכות, וואָס איך פּלעג זיי טאָן ביז יענער צייט.

אין דער עפּאָכע וואָס פון זיבעצן יאָר ביז איין און צוואַנציק יאָר, ביז איך האָב גענומען שטודירן, געוואָלט זיין אַ ראַבינער, האָב איך אַ סך, אַ סך געלייענט, גאָר נאָך מער געשריבן, און געשריבן האָב איך אַלץ, וואָס איך האָב געלייענט: לידער, פּאָעמען, ראָמאַנען, דראַמען אָן אַ שיעור און גלאַט "מאמרים" אין דער וועלט אַריין! מיינע "ווערק" האָב איך געשיקט אין אַלע יידישע און גויישע רעדאַקציעס (איך האָב געשריבן אין לשון קודש און אין רוסיש), און די רעדאַקציעס האָבן, ברוך השם, געהאַט מיט וואָס צו הייצן די הרובעס... נאָר איין "המליץ" האָט אָפּגעדורקט אַ צוויי־דריי פון מיינע "מאמרים" מיט אַ הערה פון דער רעדאַקציע מיט קליינטשיקע אותיותלעד: "שפתך אתך" (דיין שפּראַך איז מיט דיר). שלח דבריך וכבדנום (שיק דיינע רייד, וועלן מיר זיי פאַרצוקערן)... און איך האָב אָנגעהויבן שרייבן לשון־קודשדיקע "מאמרים" אויפן פּוד, גאַנצע וואַגאָנעס מיט "מאמרים", נאָר מען האָט זיי נישט געוואָלט "פאַרצוקערן", איך ווייס נישט פאַרוואָס!"...

בעת ההיא - אין יענער צייט (1883) האָט זיך באַוויזן אַ יידישע צייטונג, די ערשטע יידישע צייטונג אין זשאַרגאָן ("פאָלקסבלאַט" פון אַלעקסאַנדער צעדערבוים), און אַזוי ווי די גויים האָבן מיינע "ראָמאַנען" און מיינע "דראַמען" נישט געוואָלט דרוקן, און די

לשון קודשדיקע "מאמרים" זענען אויך געלעגן נישט "פּאַרצוקערטערהייט", האָב איך געפּרוּווט אויף אַ טשעקאַוועס, אַנצושרייבן עפּעס אַ זאַך פּראָסט אויף דעם לשון, וואָס מען רעדט, אויף דעם לשון פון מענדעלע מוכר ספרים, וואָס איז דעמלט געקומען מיר אין האַנט - און שטעלט אייך פאָר, אַז מען האָט דאָס אייפגעכאַפּט אין "פּאָלקסבלאַט" און דער רעדאַקטאָר אַליין, צעדערבוים, האָט מיט זיין האַנט אָנגשריבן מיר אַ בריוו און געבעטן (איר הערט? - געבעטן!) איך זאָל שרייבן נאָך. און פון יענער צייט האָב איך אָנגעהויבן געבן פעליעטאָנען אין "פּאָלקסבלאַט", און וואָס מער איך האָב געגעבן, אַזוי מער האָט מען מיר געשריבן, איך זאָל שיקן נאָך. און צו דעם האָט זיך אונטערגעכאַפּט מרדכי ספּעקטאָר, אַלס מיטאַרבעטער אין "פּאָלקסבלאַט": ער האָט מיך נישט אויפגעהערט צו וואַרעמען, איך זאָל שרייבן - עד היום הזה. דאָס איז אָבער ביי מיר געוועזן אין יענער צייט נישט מער ווי אַ שפּילעכל, ביז עס האָט זיך געטראָפן אַ מעשה מיט אַ "מעסערל", וואָס האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש אין מיין אַרט שרייבן און אויך אינעם גאַנצן לעבן ביי מיר.

יענע צייט איז געווען ביי מיר אַ צייט פון מסחר, פון געלט, פון בערזע, פון פּאַפּירן, וכדומה אַזעלכע זאַכן, וואָס זענען נישט שייך צו ליטעראַטור. איך האָב זיך אַריינגעכאַפּט, ווי מען זאָגט, אין די פעדערן, אין די גרויסע שווערע טויזנטער, און וואָלט אַוועק אויף אַן אַנדערן וועג, ווי זיי רופן עס - דעם אמתן וועג... געקומען אין דער גרויסער שטאָט אַריין, אין קיעוו, וועגן פאַרשיידענע גרויסע עסקים, און אָנגעמידט זיך פונעם טאָג, האָב איך מיך געלייגט שלאָפן און האָב נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. בין איך אויפגעשטאַנען, זיך געזעצט צום שרייבטיש און אָנגעשריבן - נישט אָנגעשריבן, נאָר אויסגעגאָסן אַ זאַך, אַן ערינערונג פון מיינע חדר־יאָרן, און האָב דאָס אַ נאָמען געגעבן "דאָס מעסערל", און האָב דאָס אַוועקגעשיקט אין דער רעדאַקציע - און פאַרגעסן.

ויהי היום, איך לייען דעם "וואָסכאָד", טרעף איך אַן איבערבליק איבער ליטעראַטור פון "קריטיקוס" (דובנאָוו) - איבער פאַרשיידענע שמאַטעס, ובתוכם מיין "מעסערל". מיט אַ שרעקלעך האַרצקלאַפּעניש האָב איך איבערגעלייענט די עטלעכע וואַרעמע שורות פון דעם "קריטיקוס", וואָס לויבט דאָס "מעסערל" מיינס און זאָגט נביאות, אַז דער יונגער מחבר פונעם "מעסערל" ווייזט אַרויס אַ טאַלאַנט און ער וועט נאָך אַמאָל געבן גוטע זאַכן פאַר אונדזער אָרעמער יידישער זשאַרגאָן־ליטעראַטור.

מיט טרערן פון פרייד און דאַנקבאַרקייט האָב איך איבערגעלייענט נאָך אַ מאָל די דאָזיקע ווערטער פונעם ליבהאַרציקן "קריטיקוס" און האָב מיר געגעבן דאָס וואָרט, איך זאָל שרייבן אין דער אַרט נאָך און נאָך - און פון דעמלט אָן ביזן היינטיקן טאָג שטייען מיר פאַר מיינע אויגן די עטלעכע וואַרעמע גוטע געטרייע ווערטער און איטלעכס מאָל, ווען איך שרייב אַ נייע זאַך, פאַרגעס איך נישט פרעגן ביי זיך אַליין: וואָס וועט זאָגן דערויף "קריטיקוס"?... פון דעמלט אָן האָב איך דאָס געלט פאַרלוירן, נאָר מוט איז מיר געבליבן, און איך האַלט שטאַרק־שטאַרק די פּען אין האַנט! צי דאַרף איך אים זאָגן אַ דאַנק, דעם דאָזיקן קריטיקוס (דובנאָוו), צי חלילה פאַרקערט?... דערויף בין איך נישט קיין בעל־הבית. איך בין פאַרקראָכן מיט מיין חולאת (שרייבעריי) אַזוי וויט, אַז איך הייב שוין אָן געהערן נישט צו זיך און נישט צו מיין הויזגעזינד, נאָר מער צו אונדזער ליטעראַטור און צו יענעם גרויסן געזינדל, וואָס הייסט פּובליקום...

קיעוו, חול המועד סוכות, תרס"ד

לעוו בערינסקי

# מינהגים*

אוי, פסח! פריילעכער יום־טוב, יציאת־מצרים!

אַ פראַכט פון אַ זאַך האָט געהאַט באָבע סימע אין שטוב -
אַ דעק מיט פורפור־רויטע בלומען,
פאַר 300 ליי

פלעג די באָבע פאַרזעצן די דעק ביי דעם גביר, ביי דעם פעטער
משה וואָלאָדאַרסקי -
ווי דען, אין לאָמבאַרד? דריי פראָצענט איז קיין געלט? און אויב צוויי?

אָבער הערט: ערב פסח, פאַר נאַכט, מיט די ערשט וואָס
פאַרלויכטענע שטערן,
פלעג קומען צו לויפן מאַדאַם וואָלאָדאַרסקי, די מומע -
און בשתיקה פאַר שרעק,
אַז ער זאָל ניט וויסן, אַריינשטופן סימען די סומע:
- לויף, קויף אויס ביי משהן די דעק...

אַזוי איז געגאַנגען די שפיל
אַ יאָר נאָך אַ יאָר -
אוי, ווּ זענען די יאָרן? אַוועק...

אַזוי פלעג מען אויסקויפן שולדן:
די זינד קעגן בורא,
די פליכט פאַרן קרוב
און - פון פסח ביז שבועות - אַ דעק

---

*) געווען ביי אונדז צו גאַסט אין ל.אַ. יידישן קולטור־קלוב דער דיכטער ל ע ו ו ב ע ר י נ ס ק י , פאָרזיצער פון יידישן שרייבער־פאַראיין אין ישראל. מיר האָבן געהערט מיט אינטערעס זיין לעקציע וועגן א י צ י ק מ אַ נ ג ע ר ן , צו דער דרייסיקסטער יאָרצייט פונעם גרויסן דיכטערס טויט. ביים געזעגענען האָט לעוו בערינסקי אונדז געצשענקט זיין בוך "פישפאַנג אין ווענעציע" פון וועלכן מיר האָבן אַרויסגענומען דאָס בייגעלייגטע ליד לכבוד פסח.

לילקע מייזנער

*צו די אַפּריל־טעג*

# אין דער נאַכט פון שטילן אומעט

"טויבן שטייען ביי מיין פענצטער, ווייסע טויבן
צוויי / עפענען וועל איך דאָס פענצטער / עפענען
פאַר זיי. / אין דער נאַכט פון שטילן אומעט,
וואָרקען וועלן זיי / אין דער נאַכט פון
שוואַרצן אומעט - ווייסע טויבן צוויי"
(מ. קולבאַק)

איך האָב ליב געהאַט דאָס ליד פון קולבאַקן, און כ'האָב עס ליב אויך היינט. עס ברענגט צוריק אַ פאַרגאַנגענע וועלט, אַ פאַרגאַנגענע צייט, אַ ווייטע העט ווייטע. אַ צייט פון טרוים, קינדהייט, וואַרעמקייט - אַ צייט אַ פאַרלאָרענע. האָט דער דאָזיקער צייט־אָפּשניט עקזיסטירט? יאָ, ער איז טיף איינגעבאַקן אין מיר. איך זע אים טיילמאָל, אַזוי דימענסיאָנעל. גענוג צו פאַרמאַכן די אויגן - און די בילדער שווימען אַרויף, קוקן אַרויס פון יעדן ווינקל. זיי זענען שאַרף אין קאָליר, פלאַץ און צייט.

דאַרף מען זיי דערמאָנען, דאַרף מען מיט זיי לעבן? דער ענטפער איז שטענדיק דער זעלבער - זיי לעבן אין דיר, זיי זענען אַ טייל פון דיין וועזן, פון דיין עקזיסטענץ - און אויב זיי ווערן אַרויסגערופן דורך דיר - זענען זיי אַ באַשטאַנד־טייל פון דיר! נעם איך זיי אַרויס פון מיינע פאַרבאָרגענע שופלאָדן און ברענג זיי צום לעבן!

"טויבן שטייען ביי מיין פענצטער, ווייסע טויבן צוויי"

...זי איז געשטאַנען אויף דער בינע אין איר לאַנג טונקל קלייד, מיט אויסגעשטרעקטע הענט. מיט אַ מינוט אַפּריער, האָט זי געוויגט אַן אומזעבאַר וויגל און געזונגען אַ וויג־ליד - געהוידלט, געהוידלט דאָס אומזעבאַרע קינד. און שפּעטער געברענגט אונדז קולבאַקס ליד. אירע אויסגעשטרעקטע אָרעמס - טויבן צוויי, איר פּנים איינגעהילט אין אומעט און ווײ - שטילער אומעט ... איך הער נאָך איצט דאָס וואָרקען אין דער מעלאָדיע, און זע דאָס נישט זעבאַרע פענצטער, ווו עס זיצן צוויי ווייסע טויבן. חיהלע גראָבער איז געווען איר נאָמען, און די צייט - פאַר דעם מבול.

כ'דערמאָן זיך דעם גרויסן, פּרעכטיקן "פילהאַרמאָניע" זאַל. אין דער שטאָט לאָדזש, פּוילן. מיין שטאָט. דאָרט, פלעגן אַלע קאָנצערטן פאָרקומען, אונדזערע "פרילינג־מאָרגנס" פון די יידישע צישאָ־שולן. דער זאַל מיט די פּרעכטיקע גאָלדענע קאָלומנעס, האַרפּעס געהאַלטן אין די הענט פון קליינע מלאכימלעך האָבן דעקאָרירט דעם אַרום דער זאַל האָט געווייעט מיט שיינקייט, דערהויבונג, עסטעטיק. מיר פלעגן באַזוכן דעם זאַל מיט אונדזערע ליבסטע, טייערסטע טאַטע מאַמע, ברידער שוועסטער, פריינד, לערער, שילער. אויף די ברעטער פון דער בינע פלעגן מיר אויסטאַנצן און אויסזינגען לידער און באַלאַדן, אַדורכפירן אונדזערע קינדער־פאָרשטעלונגען, אויסגעשטעלט טעאַטער־פּיעסן פון דעם באַרימטן פעדאַגאָג, שרייבער און שפּעטערדיקן מאַרטירער יאַנוש קאָרטשאַק, אונטער דער רעזשי פון אונדזער באַליבטן גאַסט־לערער יצחק קאַצענעלסאָן, דעם שפּעטערדיקן קינות־שרייבער פון אונדזער גרויזאַמען חורבן. עס פלעגן יונגע שטימען רעציטירן רייזענען, לייוויקן און פּרצן; און מיר פלעגן אַזוי שטאָלץ אַראָפּקוקן צו די פאַרזאַמלטע - מיר די יונגע "אַקטיאָרן", די צוקונפטדיקע ווער ווייסט וואָס?

איז נישטאָ מער דער צוהערער, נישטאָ מער דער פּאַרלייענער. די מלאכימלעך, מיט זייערע האַרפעס קוקן שטום אַראָפּ - פוסט און וויסט; דאָס ליכט איז אויסגעלאָשן געוואָרן. די ווענט האָבן איינגעזאַפּט אין זיך די אַמאָליקע קלאַנגען, קלאַנגען פון יידישע קינדער, יידישע פּאַרלייענער. און אין די אומזעבאַרע פענצטער פון זאַל זענען געבליבן שטיין די ווייסע טויבן צוויי. פּאַרגליווערטע, און דאָס וואָרקען איז געבליבן אין מיינע אויערן און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ מאָנונגס־רוף. "אין דער נאַכט פון שווערן אומעט, וואָרקען וועלן זיי" און מאָנען וועלן זיי!...

די בילדער שלייכן זיך אַרויס וואָס אַמאָל דייטלעכער, ממש אָנצורירן! איך זע זיי מיט אַזאַ שאַרפקייט אין פולן קאָליר. טיילמאָל שרעקן זיי מיך. זיי מאָנען און פאָדערן - נעם אונדז אַרויס פון די פאַרמאַכטע קעמערלעך, לאָז אונדז פריי מיר זאָלן געפינען אַ תיקון, האַלט דיין צוזאָג!

יאָ, איך וועל האַלטן מיין צוזאָג... אָ, יענע טעג - אין יענע ווייטע פאַרגאַנגענע טעג האָב איך, אין אַ גרויען אומעטיקן אָוונט צוגעזאָגט: אויב, אויב איך וועל בלייבן לעבן, וועל איך דערציילן, יעדע פון אונדז (און געווען זענען מיר זאַלבע פינף) האָט צוגעזאָגט - דערציילן, אויב מיר וועלן בלייבן לעבן... איז פון פינף שוין צוויי פאַרבליבן - און איך וועל האַלטן וואָרט פאַר זיי - פאַר די נישט דערלעבטע, פאַר די שאָטנס, די גייסטער, די ליבסטע און טייערסטע, וואָס דער גורל האָט אונדז צונויפגעבראַכט און פאַרבליבן זענען מיר פאַרבונדן - אויף לעבן און טויט! אין דעם אָ אומעטיקן, גרויען האַלב פאַר גאַנגענעם טאָג האָב איך דעם צוזאָג געמאַכט פאַר זיי - און זיי פאַר מיר! לאָזן די בילדער נישט צורו. וויל איך זיי פריי לאָזן און פאַרפיקסירן. און אויב עס וועט דערגיין ערגעץ ווו, זאָלן זיי וויסן, אַז דאָס זענען לעבנס געווען - פולבלוטיקע, פולסירנדיקע, מיט אַלע מענטשלעכע עמאָציעס, גוטע און שלעכטע - ל-ע-ב-נ-ס!

...אין די אָנהויב טעג, ווען מיר האָבן נאָך אַלץ נישט געוווסט! אין אַ העלן פרימאָרגן, האָט מען אונדז "געכאַפּט" צו אַן אַרבעט. אַריינגעפירט אין דער געביידע פון דער יידישער קהילה. מיט ווילדע געשרייען האָבן אונדז באַגריסט דו "הערן פון דער ריינער ראַסע". די שטוב איז געווען נישט גרויס - אָנגעלייגט מיט שיך! אָט זע איך זיי אַלע מינים און קאָלירן. דער באַפעל איז געווען - "סאָרטיר"! די דערשראָקענע פרויען זענען געשטאַנען אין אַ שטומען קרייז, אומבאַוועגלעך. אויגן פול מיט שרעק, די פנימער אַשיק־גרוי. אַראָפּגעלאָזטע הענט אָן באַוועגונג, אָן לעבן, מיטאַמאָל, האָבן די קאָלבעס פון די ביקסן אָנגערירט אונדזערע אַקסלען און געצוווּנגען אונדז צו זיצן, דער באַפעל האָט צעשטערט די מאָדנע שטילקייט פון אַרום.

שיך, מענטשלעכע שיך - אין זיי האָבן לעבעדיקע מענטשן אָקערשט געטראָטן. פרויען, מענער, קינדער, יונג און אַלט! ברוינע, שוואַרצע גרויע, נייע, אַלטע. שטיוול, האַלבע שטיוול מיט בענדלעך און אָן בענדלעך - אַ פעלד מיט שיך! יידישע שיך! אַזאַ גרויזאַמע שטילקייט איז געהאָנגען איבער דעם צימער. אַ באַרג, אָ באַרג מיט שיך! פון ווו? פון וועמען? און ווי אַזוי? איך האָב אויסגעצויגן מיינע פאַרגליווערטע הענט. נישט געקענט זיך צורירן צו זיי. פלוצלינג האָבן מיינע אויגן דערזען אַ פּאָר האַלבע שטיוול, די הענט האָבן אָנגעהויבן ציטערן. די פינגער האָבן אָנגערירט די ווייכע לעדער. שוואַרצע שיך מיט גרין־גרויער אויסבעטונג. פראַניעס שיך! ערשט מיט אַ פּאָר טעג פריער האָט זי מיר געוויזן די שיך. זי האָט זיי געקויפט פאַר דער "גרויסער אומבאַשטימטער רייזע "צו וועלכער די דייטשישע אָקופּאַנטן האָבן אונדז צוגעגרייט.

אין דער אויסבעטונג פון די שיך האָט זי אַריינגעלייגט איר פאַמיליע־פאָטאָגראַפיע און איר רינגל. איך האָב נישט געקענט באַהערשן מיינע הענט, מורא געהאַט זיך צוצורירן צו זיי - און דאָך צוגעדריקט זיי צום האַרצן, אָט אַזוי ווי מיר האָבן עס געטאָן מיט אַ פּאָר טעג אַפּריער פאַר דער פאַרשאָלטענער אַקציע!

פראַניע, אַ גאַנץ לעבן האָב איך דיך געקענט. דו, די רויקע, זאַכלעכע, פול מיט וואַרעמקייט און אינטעליגענץ, די נאָענטע פריינדין און חברטע פון מיין פעטער. פראַניע, די טוערין פון דער יידישער סאָציאַליסטישער יוגנט־באַוועגונג, זי, וועלכע האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער בירגערלעכער אַסימילירטער היים און געוואָלט ברענגען פרייד, ליכט צו די יוגנט־מאַסן, זי האָט טעג פאַרבראַכט אין אונדזער שטוב - און מיר האָבן זי ליב געהאַט. צוזאַמען האָבן מיר געזונגען יידישע און פוילישע לידער, און ס'איז אונדז אַזוי גוט געווען! די מלחמה־זאַוויערוכע האָט אונדז צונויפגעבראַכט אין דער זעלבער שטאָט, ווו מיר האָבן אַ צייטווייליקן תיקון געפונען. צופעליק האָבן מיר זיך דאָרט, אין דעם נייעם אָרט געטראָפן. אַ זון־שטראַל אין דער פינצטערקייט! אַ טייל פון אָפּגעריסענעם לעבן געפונען! זי פלעגט אַרויפקומען אין אונדזער קליינעם צימער, אַוועקזעצן זיך מיט מיין ברודער און מיר (נאָך מיין טאַטנס טויט), אַרומנעמען אונדז מיט אירע וואַרעמע אָרעמס, דערמאָנען די "אַנדערע" פאַרגאַנגענע טעג... און איצט האַלט איך אירע שיך! פוסטע שיך! טויטע שיך! ווו איז דאָס לעבן? ווו איז איר געביין? פראַניע טייערע! טייערע פראַניע, אין וועלכן גיהנום־קרייז געפינסטו זיך? און אפשר זענען אין דעם מאָמענט דיינע ליידן פאַרענדיקט געוואָרן? און די שיך, די שוואַרצע קורצע שטיוועלעך, האָבן מיינע הענט באַרירט, איך האָב זיי אַרומגענומען און געצערטלט, און געזעגנט זיך מיט דיר - אויף אייביק! אַ פּאָר שיך, שוואַרצע פרויען־שיך - פראַניעס שיך! אַ לעבן... "שוואַרצע טויבן צוויי". אומגעקומען אין טרעבלינקע.

...ער איז געווען אַ הויכער, אַ שלאַנקער. דאָס פּנים לענגלעך, מיט אַן אָדלער־נאָז. די אויגן העל בלוי, וואָס האָבן אַרויסגעלויכטן פון זיין סענסיטיוון פּנים. אַ שטילער, אַ מאָדנער אומעטיקער שמייכל איז געווען פאַרצויגן אויף זיינע ליפּן. ער איז שטענדיק געווען אין באַוועגונג, זיין גאַנץ וועזן איז געווען באַוועגלעך - הענט, פיס, קערפּער.

ער איז נישט געגאַנגען נאָר געלאָפן. פון גאָר ווייט האָבן מיר אים געקענט הערן, ער פלעגט אונדז רופן - איידער ער איז אַריין אין שטוב. זיינע לאַנגע אָרעמס האָבן אונדז אַרומגענומען, און אַ וואַרעמקייט האָט געשטראָמט פון אים. ער איז געווען פול מיט שפּיל, מיט פרייד; צעשטראַלט, ווען ער איז געווען אין דער היים. ער פלעגט זיך מיט אונדז אַוועקזעצן, דערציילן פאַנטאַסטישע מעשיות, אַרויסגענומענע פון די געשיכטעס פון די גרים ברידער, און ממש אויסשפּילן זיי פאַר אונדז. מיר האָבן אים אַזוי ליב געהאַט! זוניקייט האָט געשטראַלט פון אים - און צו אים - פון אונדז! ער איז געווען אונדזער יונגער פעטער מאָניעק. אין ווינטער פאַרנאַכטן פלעגט ער אַרויסגיין מיט אונדז אין דעם גרויסן דורכגאַנג־הויף, און בויען אַ שניימענטש, און אויפן פּנים פון שניימענטש האָט ער אָנגעטאָן אַ שמייכל - אַ שטילן, געהיימען אַזעלכן, ווי מיר האָבן געזען אויף זיין פּנים. ער פלעגט אַראָפּנעמען זיין שאַליק און אָנטאָן אים אויפן שניימענטש און געפריידט זיך מיט אונדז צוזאַמען צוליב זיין איינפאַל. און טיילמאָל, אין פראָסטיקע פאַרנאַכטן, פלעגט ער דינגען אַ שליטן, אַרויפזעצן די גאַנצע משפחה און מיר פלעגן זיך לאָזן אויף דער הויפּט־גאַס פון שטאָט! דער פורמאַן האָט געיאָגט די דאַרע שקאַפּע, די גלעקלעך ביים פערד אויפן האַלדז האָבן דין זיך צעזונגען, דער

ווייסער שניי האָט געפֿינקלט ווי טויזנטער דימענטן - און מיר, צוגעדעקטע מיט וואַרעמע קאָלדרעס זענען געפֿלויגן איבער די פּוסטע גאַסן! אוי, ווי גוט איז אונדז געווען! און ער, מיין יונגער פעטער, איז צוריק געוואָרן אַ קינד. פֿרייד און גליק האָט באַלויכטן זיין ליכטיק פּנים.

יאָרן זענען אַוועק, ער האָט אויפֿגעבויט אַ היים, אַ ליכטיקע און פֿריידיקע. דאָס זוניקע מיידעלע האָט זיי אַזויפֿיל גליק פֿאַרשאַפֿט. מיר זענען אַזוי נאָענט געווען די אַלע יאָרן! זענען אָנגעקומען גרויליקע טעג, דער אַרעסט האָט אונדז צעשיידט אויף אייביק. פֿלעגסט קומען צו די דראָטן וואָס האָבן אונדז געטיילט, ביז די דייטשישע וואַך האָט דיך פֿאַריאָגט. מיר האָבן דיך שוין מער נישט געזען.. "און ער איז געוואָרן אַ פֿערד ביי די דייטשן" - האָט מיר דער דעצייילער איבערגעגעבן. טאָג־איין טאָג־אויס פֿלעגט ער שלעפּן די פֿעסלעך מיט שמוץ, די דייטשן האָבן אים געשמיסן מיט די לעדערנע ריטער, די פֿיס האָבן זיך איינגעבויגן, איינגעזונקען געוואָרן אין די אַרומיקע בלאָטעס. זיין הויך געשטאַלט איז איינגעשרומפּן געוואָרן און געבויגן זיך צו דער ערד. אין איינעם אַ טאָג האָט זיין גוף נישט אויסגעהאַלטן מער. דאָס מענטשלעכע פֿערד איז געפֿאַלן און נישט געקענט זיך מער אויפֿשטעלן. האָט די פֿאַרשאָלטענע האַנט פֿון "דייטשישן אויבערמענטש" גענומען די בייטש און פֿאַרשמיסן אים צום טויט! און דאָס "פֿערד" האָט אויסגעהויכט זיין נשמה...

אַזוי איז אומגעקומען מיין יונגער פעטער. אַזוי איז אויסגעלאָשן געוואָרן איין נשמה, געצפּלט טויזנטער מאָל! היינט דערמאָן איך דיך, קוקנדיק אויף דעם בילדל פֿון דיין זוניק מיידעלע. כ'האָב שטום געלייענט איר די ווערטער פֿון דערמאָנונג, און זי האָט אַרויסגעקוקט פֿון בילד - און דאַכט מיר, געוויינט מיט מיר צוזאַמען! צווישן דעם מיליאָן און אַ האַלבן אומגעבראַכטע קינדער ביסטו דאָרט דאָ - מיין טייערע אַלינקע!

איך זע זיי, די אָפֿענע טירן, ווי שוואַרצע פּוסטע מיילער הענגען זיי לויז אויף די זאַוויאַסעס און הוידלען זיך. הין און צוריק, טירן צעפֿראַלטע, געלאָזט אויף הפֿקר, אין אַ שוואַרצער ליידיקייט! ערשט נישט לאַנג זענען זיי געווען פֿאַרמאַכט, עס האָט געווימלט מיט לעבן - ערשט נישט לאַנג זענען דאָס געווען טירן צו יידישע היימען, איצט ווייעט פֿון זיי אַ פּוסטקייט, אומעט און וויי! מען האָט אונדז אַלע געטריבן צו דעם גרויסן פּלאַץ - הונדערטער, הונדערטער יידן, גרויס און קליין, קינד און קייט אונטער ווילדע געשרייען פֿון די דייטשישע סאָלדאַטן. איך זע איצט אַזוי בולט דאָס געזעמל פֿון די מענטשן, זייערע פּנימער, דערשראָקענע אויגן! קינדער, וואָס קלאַמערן זיך אַרום טאַטע־מאַמע, און אַ מאָדנע פֿאַרלוירנקייט אין דעם אַרום. עס דערמאָנט זיך אַ בילד פֿון אַ באַקאַנטן יידישן מאָלער, אַ סצענע נאָך אַ פּאָגראָם - און דאָס בילד אָטעמט מיט שוואַרצער מורא, מיט ליידיקייט און טויט! און מיט אַ מאָל קומסטו צו זיך - און זעסט, אַז דו ביסט אַ לעבעדיקע אַרויס פֿון דער אַקציע, נאָר טייל פֿון דיינע נאָענסטע זענען מער נישטאָ! און דו - "דו הויבסט זיך אויף ווידער, און שפּאַנסט אַוועק ווייטער". גייסט דאָרט, וווּ דיין שטוב איז געווען - הענגען דאָרט די אָפֿענע טירן שטום, וויגן זיך אין דעם ווינט און דאָס סקריפּעניש פֿאַרוואַנדלט זיך אין אַ געיאָמער, אַ קלאָגעניש נאָך די וועלכע זענען שוין מער נישט צוריקגעקומען!

פּוסטע טירן, וויינענדיקע טירן - שוואַרצע לעכער! "אין דער נאַכט פֿון שוואַרצן אומעט - שוואַרצע טויבן צוויי"...

פיניע פלאָטקין

# אין דעם טאָג פון זכרון און גבורה

דעם יידישן סאָלדאַט פון
דער II וועלט־מלחמה געווידמעט

אין דעם טאָג פון זכרון און גבורה איז שווער קומען צו זיך
און האַלטן זיך שטאַרק ווי אַ זעלנער אַ יונגער אין שלאַכט;
אין דעם טאָג פון זכרון און גבורה פרי צינדט מען אָן ליכט,
וואָס ברענען, ניט זעלטן, ווי שטערנדלעך ווייסע ביינאַכט.

\- - - - - - - -

און ס'פילט זיך דער אַלטער סאָלדאַט צווישן אונדז ניט באַקוועם -
ער ווייסט וווּ ער האַלט און ווי האַסטיק גייט אויס דאָס געזונט;
זיין פרוי אַלע אָרדנס, אַ מענגע מעדאַלן אין טישקעסטל נעמט
און שפּיליעט זיי צו צו זיין קיטל ווי ס'דאַרף צו זיין, גוט.
וויכהאַרציק זי נעמט אים אַרום און זאָגט צו אים: "מענדל, דערציילן
ווי איר פלעגט באַזיגן דעם שונא, באַפרייען און איינעמען שטעט!"

\- - - - - - - -

און ס'ברענען אין צימער, ווי פריער, די ליכטעלעך צוויי,
ניט הילכיק, נאָר זאַכלעך פון מאָסקווע די ראַדיאָ רעדט.
פּאַמעלעך, לעם פאָטערשטול, נאָענט, ער שטעלט זיך אַוועק
און טרינקט פון אַ גלעזערנעם קעלישעק ביטערע וויין;
און ס'קומען צוגיין אין זכרון צוריקטראָטן שווערע, געשלעג,
אַוועלכע, ווי ווייטיק, ער קאָן ניט פאַרגעסן ביז היינט.
אָ, אייל זיך, זכרון, פאַרשרייב וואָס דו ווייסט, פאַרגעדענק
די צרות, וואָס אויסהאַלטן קאָן בלויז אַן עבטער סאָלדאַט!
...אַ פאָלק־חבר זיינער אין צימער צו אים קומט צוגיין -
ער האָט אויך, ווי מענדל, געקעמפט קעגן ביטערן פיינט.
ער אויך, פונקט ווי מענדל, צו יענע סאָלדאַטן געהערט,
וועמען שעצן און לויבן מע דאַרף, וועמען דאַנקבאַרקייט קומט.

\- - - - - - - -

אין צימער אַביסעלע וואַרעמער, ליכטיקער ווערט,
און וואַרעמער, ליכטיקער ווערט אויך אַרום־און־אַרום;
אַ בחור אַ יונגער באַגייסטערט אין ראַדיאָ זינגט
די לידער די זעלבע, וואָס אָפטמאָל פלעגט זינגען בערנעס;
ניט צופעליק, פונקט האַלבע נאַכט, דער ווינטזייגער קלינגט -
דאָס גיט ער צו וויסן, אַז ס'ענדיקט זיך נאָך אַ מעת־לעת.

1973-1998

משה שקליאַר

# דער שליח פון יידישן וואָרט

## צו דער ערשטער יאָרצייט פון בינם העלער

שווער שלום צו מאַכן מיט דעם געדאַנק, אַז אויך בינם העלער איז שוין מער נישטאָ. געווען איז ער מיר נאָענט נישט נאָר ווי אַ דיכטער וועמענס כישופדיק וואָרט, דאָס באַהויכטע מיט אַ דינעם וואָל פון אומעט, פון פריידן און ליידן האָט מיך באַגלייט פון מיין פריסטער יוגנט, נאָר אויך ווי אַ האַרציקער חבר און פריינד מיט וועמען כ׳האָב אַ צייט צוזאַמען געאַרבעט אינעם נאָכמלחמהדיקן וואַרשע. און די פריינדשאַפט אונדזערע האָט זיך פאַרצויגן ביז די סאַמע לעצטע יאָרן, די שווערסטע אין זיין לאַנגן לעבנשפאַן, וואָס איז נישט געווען פריי פון ראַנגלענישן, שטרויכלונגען און ביטערע אַנטוישונגען, וועלכע קומען צום אויסדרוק אין אַלע זיינע איבער צוואַנציק לידער־ביכער.

געדאַכט האָט זיך, אַז נאָך אַלע זיינע וואַנדערונגען, מלחמה־איבערלעבונגען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווו ער האָט פאַרלוירן זיין ערשטע פרוי גאָלדע און איז געבליבן אַליין מיט זיין קליינער דינהלע און איז דורך אַ נס ניצול געוואָרן פונעם רויטן תלינס האַק - געדאַכט האָט זיך, אויב נישט רעכענען דעם שפּעטערדיקן פּעריאָד אין פּוילן פון וואַנען ער האָט געמוזט אַנטלויפן אין 1956־טן יאָר, אַז ענדלעך האָט ער זיין גייסטיקע און שעפערישע רו געפונען אין מדינת ישראל. דאָרט האָט ער ענדלעך געקאָנט אויסרופן מיט פולער אויפריכטיקייט: "די ערד אין הרצליה איז רויט / און קרישלט זיך לייכט אין דער האַנט, / איך ווייס נישט צי טויג זי אויף ברויט / איך ווייס נאָר, אַז דאָס איז מיין לאַנד".

און דאָס לאַנד איז גוט געווען צום דיכטער וועמענס אויג און אויער איז געווען אַזוי אָנגעשפּיצט צו שיינקייט, האָט פאַרנומען אַלע וויברירונגען פון דער נאַטור און אַלע צאַפּלונגען פון מענטשנס האַרץ, פון זיין געשיכטע, פון דער יידישער געשיכטע וואָס איז אויפגעגאַנגען מיט אַזאַ וווּנדערלעכער באַנייונג אויף דער דאָזיקער ערד און האָט געפונען אַ טיפן רעזאָנאַנס אין זיין לויטערן דיכטערישן וואָרט. עס האָט זיך שפּעטער נאָך מער צעבליט זיין פּאָעטישער טאַלאַנט און ער האָט באַרייכערט אונדזער ליטעראַטור מיט אַלץ נייע שלימותדיקע שאַפונגען, וואָס וועלן בלייבן אויף אייביק אין שאַצקאַמער פון יידישן פאָלק, אָט אַזוי ווי זיין פּאָעמע "אין וואַרשעווער געטאָ איז חודש ניסן" וואָס איז פאַרהייליקט געוואָרן אין די וועלטלעכע הגדות של פּסח.

ער האָט געשפּרודלט מיט שעפערישער ענערגיע, בינם העלער, און כמעט יעדעס יאָר איז דערשינען זיינס אַ נייע לידער־זאַמלונג, וואָס איז אויפגענומען געוואָרן מיט פרייד און אָנערקענונג דורך זיינע געטרייע לייענער אין דער יידישער וועלט און אויך פון דער ליטעראַטור־קריטיק, אָט אַזוי ווי עס האָט אַ מאָל געשריבן מלך ראַוויטש, אַז... ער דערוואַרט יעדעס נייע ליד פון בינם העלער מיט אַ ציטער אין האַרצן. יעדעס נייע ליד זיינס איז דאָך געווען אַ קינסטלערישע און עסטעטישע אַנטפּלעקונג! אַזוי איז געווען ביז... ביז עס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אים איובס צרות. אַוועק איז פון דער וועלט די קרוין פון זיין קאָפּ, די איינציקע טאָכטער זיינע, דינהלה, וועמען ער האָט געהאַט געווידמעט אַזאַ וווּנדערלעכע, טיף אויפרודערנדיקע פּאָעמע א.נ. "דיין ביאָגראַפיע", ווו ער שרייבט:

„און איך האָב באַשטימט, אַז דיין נאָמען זאָל זיין:
דינה.
מיין בעסטע ירושה בלויז בלייבן זאָל דיין,
דינה,
— — —
נישט זייד זאָל דיר פּאַסן, נאָר פּשוטער ליין,
דינה.
זאָלסט גיין דורך דעם לעבן אין ליכט פון מיין פּיין,
דינה.

געשריבן האָט ער די דאָזיקע ווערטער אין 43־טן יאָר אין געוו. סאָרוועטן פאַרבאַנד אין אַלמא אטא ווו ס'האָט אים פאַרטראָגן דער בייזער מלחמה־געוויטער. נישט געוווסט האָט דעמאָלט דער דיכטער, אַז זיין דינהן וועט נישט באַשערט זיין טראָגן אין דער וועלט זיין „בעסטע ירושה" און זי וועט אַוועק, אַזוי ווי איר מאַמע, אין סאַמע בלי פון איר לעבן.

איז דאָס נאָך ווייניק געווען, איז אויך אָפּגעשיידט געוואָרן פון אים, און פון אונדז, זיין געטרייע לעבנס־באַגלייטערין, די אַקטריסע הדסה קעסטין, וועלכע האָט אַזוי שטאָלץ און ווירדיק געטראָגן איבער דער גאָרער יידיש־וועלט דאָס קינסטלערישע יידישע וואָרט און איז אודאי געווען די בעסטע אויסטייטשערין פון בינמס ליד.

האָט זיין האַרץ נישט אויסגעהאַלטן, עס איז אַטשוויגן געוואָרן זיין פעדער און מער נישט אויסגעפּערלט די דינע שורות, וואָס האָבן אויפגערודערט מענטשלעכע הערצער. און געדאַנקען. און דאָ ווילט זיך ממש איבערחזרן די ווערטער פון בינם העלערס ליד „זיי גייען אַוועק" פונעם בוך „זיי וועלן אויפשטיין", דערשינען אין תל־אביב אין יאָר (1984).

„זיי גייען פון דאַנען אַוועק אין דער מיטן,
זיי גייען אָן אויפהער פון דאַנען צום דאָרט.
זיי ווערן פאַרכאַפּט און פאַרשניטן.

און יעדער פון זיי מיט זיין אייגענער שטימע,
זיין אייגענעם ריטעם, פון בלוט אָפּגעשפּאָרט.
נאָר אַלע זיי שאַפן אַ הימען,

שליחים פון יידישן וואָרט.

זיי גייען פון דאַנען אַוועק אין דער מיטן,
ווער וועט זיי פאַרטרעטן, פאַרנעמען דאָס אָרט?
מיר גראָבן די קברים און שיטן

די ערד, נאָר דאָס וואָרט זייערס הייבט אָן צו בליען
און ווערט ווי אַ פונק מיט פייער געפּאָרט,
איצט וועט זיך די אייביקייט מיען -
שליחים פון יידישן וואָרט".

אויך ער, בינעם העלער, האָט זיך איינגעזאַמלט צווישן די שליחים פון יידישן וואָרט, וועלכע זענען אַוועק פון אונדז, ער איז אַוועק אין סאַמע מיטן, הגם פול מיט אַ לאַנג שאַפעריש לעבן. צי וועט זיך פאַר אים, דעם שליח פון יידישן וואָרט, די אייביקייט מיען?

* * *

בינם העלער איז געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור ביים אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן. אַ קינד פון דער יידישער אָרעמקייט אין וואַרשע, האָט ער זייער פרי געגומען אָפּפילן מיט זיין סענסיטיווער נשמה די ליידן און פיינען פון דעם האָרעפּאשנעם פאָלק, וואָס איז דעמאָלט, אין די שווערע קריזיס־יאָרן אין פוילן, געוואָרן אַלץ אָרעמער און מער אויסוועגלאָז, און אַ גרויסער טייל האָט געווענדט די אויגן צו דעם מזרח־לאַנד, ווו עס האָט זיך געדאַכט, אַז די זון פון פרייהייט און שפע האָט אויפגעשיינט און פון דאָרט וועט קומען דער לאַנג געגאַרטער משיח... אויך דער יונגער בינם איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון די דאָזיקע געדאַנקען און זיי האָבן אים געגערט אפשר אַ האַלב לעבן זיינס. לאַנג האָט געדויערט ביז ער האָט זיך באַפרייט פון יענעם גלויבן אין דער פאַלשער "פרייהייט", וואָס האָט אים פאַרמאַניעט אין דער יוגנט. עס האָט אים געקאָסט נישט ווייניק בלוט פון האַרצן, אין וועלכן ער האָט שפעטער געטונקט זיין פעדער. אָבער דערווייל איז ער אַריין מיט אַ לויטערער און טראָציקער שטימע אין דער יידישער ליטעראַטור, וועלנדיק וועקן צו רעוואָלוציאָנערער טאַט זיינע אָרעמע מיטברידער. ער האָט זיך איינגעשלאָסן אין דער דעמאָלטיקער לינקער שרייבער־ברופע און גלייך פאַרנומען אין איר אַן אָנגעזעען אָרט צוזאַמען מיט דעם דיכטער משה שולשטיין. ביידע זענען גיך באַליבט געוואָרן ביי דער יידישער יוגנט אין פוילן.

"אויף פרייד וועל איך טושן מיין אומעט, אויף חוצפה מיין שרעק" - האָט העלער דעמאָלט געשריבן אין זיין ליד א.נ. "כ'וועל אַ קלאַפּ טאָן" - "איך האָב שוין דעם אומרו פון שטיינערנע גאַסן דערהערט". זיינע ערשטע ביכער וואָס זענען דערשינען איינס נאָך דעם צווייטן אין די יאָרן 1932 און 1933 טראָגן די כאַראַקטעריסטישע נעמען: "דורך קראַטן" און "אין אומרו פון טעג". זיי זענען אומפגענומען געוואָרן מיט ענטוזיאַזם דורך דער יידישער יוגנט, וועלכע העט געזען אין אים דעם אויסדריקער פון אירע טיפסטע געפילן און באַגערן, אין אַן אַנדער ליד פון יענער צייט א.נ. "מיין גאַנג" איז ער שוין, וואָלט איך געזאָגט, מער העלעריש, הגם עס איז געבויט נישט אין רעגולערן ריטעם און גראַם, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש כמעט פאַרן גאַנצן שאַפן בינם העלערס, און אין וועלכן עס פילט זיך שטענדיק דער סובטעלער מוזיקאַלישער קלאַנג, אַ מאָל אַ מינאָרער און אַן אַנדערש מאָל אַ ווייברירנדיקער מיט נשמה־צאַפּל:

"צי וועט אייביק שוין זיין
מיין גאַנג -
ווי אויף זאַמענהאַף־גאַס -
אין געדראַנג
פון אַרבעטלאָזע,
פאָליציי
און פאַרומערטע יידן,
פאַרקלאַפּטע אין לאַנגע מלבושים.
ווי אין שוואַרצע אורנות?"

אַזאַ איז געווען פון אָנהייב אָן זיין יידישלעכע בילדלעכקייט. אַזוי האָט בינם העלער מיט די אויגן פון אַ יידישן פּאָעט געזען די "פּאַרומערטע יידן, פּאַרקלאַפּטע אין לאַנגע מלבושים, ווי אין שוואַרצע אורנות". ווי ווייט איז דער דיכטער אין די שפּעטערדיקע יאָרן אָפּגעגאַנגען פון יענעם גאַנג זיינעם! אָבער די פּאַרומערטע יידן "פּאַרקלאַפּטע אין לאַנגע מלבושים" זענען אים נאָכגעגאַנגען אַ גאַנץ לעבן. ער זעט זיי ווידער אויף זיינע וואַנדער־וועגן אין רוסלאַנד און שרייבט: "אין מיטן פון רעש און גרויסשטאָטישן ריח / אַ ייד אויף אַ באַנק ליגט ווי אויף אַ מזבח, / די ליפּן פאַרדאַרטע, מיט דורשטיקע ציינער – / אין מיטן דער רוישיקער שטאָט איז ער איינער... / ווי, וואָס פון אונדז איז געוואָרן!" (אַלמאַ אַטאַ, 1942)

ווי, ווי מיר וואָלטן זיי היינט געוואָלט האָבן יענע פּאַרומערטע יידן פון דער וואַרשעווער זאַמענהאָף־גאַס, און אַלע אַנדערע יידישע גאַסן!... זענען זיי מער נישטאָ, פאַרשניטן געוואָרן אונטער דער היטלערישער האַק און די העק פון אַלע אַנדערע יידן מערדער פון פאַרשיידענע ברוינע, שוואַרצע און רויטע קאָלירן. געבליבן איז העלערס ליד, ווי אַ דערמאָנונג פון יענער שווערער און וווּנדערלעכער צייט.

נאָך די דערמאָנטע צוויי לידער־ביכער איז אין 1936־טן יאָר דערשינען אין וואַרשע העלערס בוך "אויפן ווינט" אין וועלכן ער האָט אַריבערגעשריטן די ראַמען פון רעוואָלוציאָנערער ליריק און אַריינגעבראַכט אַ נייעם טאָן אין דער דעמאָלטיקער פּאָעזיע פון די לינקע אַרבעטער־דיכטער – דאָס ליבע־ליד, וואָס קומט ווי ביי פּרצן פון קעלער־שטוב. נאָר ס'איז נישט פּרצעס אידיליע מיט דעם פּוס־בענקעלע, וואָס קאָנטראַסטירט אַזוי שאַרף מיט דער אָרעמקייט. דער דיכטער רייסט דאָ אַרויס זיינע העלדן פון דער אָרעמער קעלער־שטוב און דורך זייער ליבע באַרייכערט ער די נאַטור, וואָס זינגט מיט דאָס שיר־השירימדיקע געזאַנג פון די אינטימסטע מענטשלעכע געפילן.

"ווי ס'אייז פון אונטער די פיס
האָט זיך די פרעמדקייט געבראָכן –
אין ווייסע געפלאָכטענע אָרעמס
האָט פרילינג געפייערט נצחון."

שרייבט העלער אינעם ליד "ערב פרילינג". און אויף אַן אַנדער אָרט:

"ווער האָט פאַרלאָשן דעם שניי,
דעמאָלט ווען איך האָב דיך דערקענט?
איז דאָס געווען דער ווינט,
צי גאָר דיינע ליכטיקע הענט?"

העלער וועט זיך צו דער דאָזיקער טעמע נאָך אומקערן נישט איין מאָל אין די שפּעטערדיקע יאָרן שוין ווי אַ רייפער מאַן און דיכטער. צי זאָל עס זיין אינעם בוך "פרילינג אין פוילן" (1950), וווּ ער האָט זיך טיילווייז געפילט באַפרייט פון די קאָשמאַרע איבערלעבונגען נאָכן גרויסן פאָלקס־חורבן; איבערלעבונגען וועלכע האָבן געבוירן אפשר די בעסטע ווערק זיינע, וואָס האָבן אים אַוועקגעשטעלט אין איין ריי מיט די גרעסטע שאַפער אין אונדזער ליטעראַטור; סיי אין אַנדערע ביכער זיינע, דערשינענע שפּעטער אין פוילן און אין ישראל. ער האָט אין זיי אַרויסגעוויזן אַלץ מער

מייסטערשאַפט, געגרייכט טיפער אין די מענטשלעכע געפילן און לײדנשאַפטן און אויסגעפיינערט די בילדלעכקייט, געפינענדוק אַלץ מער אַדעקוואַטע פּאָעטישע אויסדרוקן און פאָרמען פאַר די ערדישע מענטשלעכע באַגערן און ראַנגעלענישן. פאַרגלייכט למשל די הייסע, ווילט זיך זאָגן, לײדנשאַפטלעכע שורות פון אַ רייפן מאַן, וועלכער האָט זיך באַפרייט פון דער יוגנטלעכער "ליבע אויפן ווינט", אָבער אין וועלכע עס הויערט נאָך אַלץ די יוגנטלעכע ראָמאַנטיק, שורות געשריבענע אין ישראל אין סוף זעכציקער יאָרן:

"דו וואָלסט פאַר מיר זיך נישט געשעמט,
אַרויסצוגיין פון איינעם העמד,
און וואַרטן אויף מיין ווילדן שפּרונג -
מיין גאָט,ווען כ'וואָלט געווען נאָך יונג!
איך וואָלט מיט פייערדיקע הענט
דיין גאָרע מיידלשאַפט פאַרברענט".

ביי מיר אָבער זענען סיי ווי די לידער פון "אויפן ווינט" געבליבן צום מערסטן איינגעקריצט אין זכרון און אין האַרצן, ווייל דעמאָלט האָב איך, ווי אַ 16־יאָריק יינגל, צום ערשטן מאָל זיך באַקענט מיטן דיכטער, הגם נישט דירעקט, נישט פּערזענלעך, נאָר דורך זיין ליד.

מיר האָבן געלייענט העלערס רעוואָלוציאָנער־ראָמאַנטישע לידער און אין אונדזער נאַיווקייט געפּרוווט פאַרגלייכן די צוויי צום מערסן פּאָפּולערע אַרבעטער־דיכטער פון יענער צייט - בינם העלער און משה שולשטיין, וועמענס לידער האָבן אויפגעבריוזט די יידישע אַרבעטער־יוגנט, און זיין, שולשטיינס, דער "טאַטע שטרייקט" האָט געקלונגען פון אַלע לעגאַלע פּראָפּאַראַיינישע טריבונעם און אומלעגאַלע צוזאַמענקומען. און צום אויספיר זענען מיר געקומען, אַז בינם העלער איז אונדז דאָך נעענטער...

צום צווייטן מאָל האָב איך זיך באַקענט מיט בינם העלערן נישט דורך זיין ליד, נאָר טאַקע פּערזענלעך, און זינט יענער צייט האָט זיך געהאַט פאַרבונדן אונדזער פריינדשאַפט, באַזונדערס האָב איך אים גוט דערקענט ווען ער האָט רעדאַקטירט מיין ערשט לידער־ביכל, וואָס איז דערשינען אין וואַרשע אין יאָר 1951.

...געווען איז עס אין דער ניי־יאָר־נאַכט פון יאָר 1947 אויפן יאָר 1948. אין זאַל פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן, ווו מיר האָבן פייערלעך אָפּגעמערקט, מיט אַ סך האָפענונגען, דעם אָנקום פון נייעם יאָר, האָט זיך פּלוצלינג באַוויזן, אין באַגלייטונג פונעם דיכטער און ליטעראַטור־קריטיקער, זיין לאַנגיאָריקן פריינד דוד ספאַרד - בינם העלער. ער האָט אויסגעזען אויסגעמאָגערט, פאַרמאַטערט פון דער לאַנגער רייזע מאָסקווע־וואַרשע, און די מאַטערנישן וואָס ער האָט געטראָגן מיט זיך, אָבער עס האָט זיך געמערקט אַ ליכטיק פייערל אין זיינע אויגן און אַ קוים־קוימיקער שמייכל ביי די ראַנדן פון זיינע ליפּן, וואָס האָט ווי געלאָזט וויסן: ענדלעך בין איך צווישן אייגענע אויף אַ מער זיכערן באָדן.

געקומען איז ער מיט זיין טעכטערל דינה און מיט לידער, וואָס זענען אים פאָרויסגעגאַנגען אין דער יידישער וועלט, צווישן זיי די באַרימטע לידער "אין וואַרשעווער געטאָ איז חודש ניסן", "אָן יידן" און אַנדערע. מיר האָבן נאָך דעמאָלט

נישט געוואַנט, אַז אין אַ קורצער צייט אַרום וועט זיך אָנהייבן די טאַטאַלע ליקווידאַציע פון דער יידישער ליטעראַטור און אירע שאַפער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס וועט דערפירן צום טראַגישן און גרויזאַמען מאָרד פון אויגוסט 1952. און יעדעס פון די דערמאָנטע לידער העלערס איז דאָך געווען, אין יענע באַדינגונגען, אַ טויט־אורטייל געשריבן אויף זיך אַליין. האָבן מיר אַזוי אַרום געהאַט צווישן זיך איינעם, וואָס איז אַרויס פון גיהנום, וואָס האָט דורך אַ נס אויסגעמיטן די קוילן פון סטאַלינס עקזעקוציע־פּלוטאָן. און ווער ווייסט - ווען בינם העלער וואָלט אין יענער ניי־יאָר נאַכט פאַרשפּעטיקט צו קומען פון מאָסקווע קיין וואַרשע וואָלט אפשר שפּעטער עמיץ געשריבן מיט זיינע ווערטער פונעם ליד צום אָנדענק פון פרץ מאַרקישן:

„ער איז געשטאַנען מיט פאַרשטעלטע אויגן,  
און אָפּגערוקט פון אים, ווי דאָס איז נייטיק,  
מען האָט צו אים די ביקסן אויסגעצויגן  
און שטיל געוואַרט אויף דעם באַפעל צו טייטן.  
נאָר ס'איז אַדורך אַ שניידנדיקער שוידער,  
ווען אַלץ אַרום געוואַרט האָט און געשוויגן.  
די לופט האָט זיך פון זיין געזאַנג געהוידעט  
און נאָך דעם זאַלפּ געקלונגען האָט זיין ניגון".

אין פאַל בינם העלער איז צום גליק קיין זאַלפּ נישט געווען, ער איז באַצייטנס אַרויס פון דעם תלינס הענט, און זיין לעבעדיקער ניגון האָט נאָך לאַנג אָפּגעקלונגען אין דער יידישער וועלט. און מיר האָבן געהאַט די זכיה נאָך לאַנג מיט דעם זיך צו אַנטציקן.

בינם העלער האָט באַהערשט די מאַגישע קראַפט צו פאַרוואַנדלען די פּשוטסטע זאַכן אין סאַמע געלייטערטסטער פּאָעזיע. דורכן פילטער פון זיין פען האָט ער אַרויסגעצויבערט פונעם יידישן וואָרט יענע קלאַנגען און ניואַנסן, וואָס זענען פאַרבאָרגן ערגעץ טיף אין אונדזער געמיט און בלויז דער גאָט־געבענטשטער קינסטלער קאָן זיך צו זיי דערגרונטעווען. און הגם ער איז אין תוך געווען אַ ליריקער, געפינט איר אין זיין יצירה דעם גאַנצן עפּאָס פון אונדזער טראַגישן יאָרהונדערט מיט אַלע זיינע זיגזאַגן, סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע גוראַנגלען פון יידישן פאָלק.

זייער טרעפלעך שרייבט זיין מיטצייטלער, דער דיכטער און קריטיקער יצחק יאַנאַסאָוויטש: „בינם העלער איז ווי אַ פּאָעט נישט קיין ראָמאַנטישער רעאַליטעט־אַנטלויפער, פאַרקערט, דאָס פּאָזיטיווסטע אין העלערס פּאָעזיע איז דאָס, וואָס ער האָט תמיד אַן אָפן אויג און אַן אָפן אויער פאַר דער רעאַליטעט וואָס רינגלט אים אַרום און וואָס באַווירקט אים און רופט ביי אים אַרויס כלערליי געדאַנקען־אויפבליצן און געפיל־אַנטפּלעקונגען. בינם העלערן גערעט (...) פון דעם גראָען און האַרטן שטיין פון דערווירקלעכקייט אַרויסצושלאָגן דאָס מים־חיים וואָס דערפרישט אונדז מיט מוזיקאַלישער לויטערקייט. דעמאָלט פאַרוואַנדלט ער מיטן כישוף־כוח פון דער פּאָעזיע די גרויע וואָר אין אַ יום־טוב".

אויף דעם דערמאָנטן צוזאַמענקום, געדענק איך, האָט בינם העלער, לויט דעם פאָרלאַנג פון די פאַרזאַמלטע, פאַרגעלייענט אַ ליד, אָבער נישט פון יענע וואָס ער האָט געשאַפן אין זיין וואַרשעווער רעוואָלוציאָנערן פעריאָד, און נישט פון יענע אויפטרייסלענדיקע לידער וואָס ער האָט געשאַפן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווייט פון זיין

היים און פון זיין פאָלק, וואָס איז אומגעקומען אין די געטאָס און גאַז־קאַמערן. ער האָט פאַרגעלייענט אַ ליד וואָס ער האָט געשריבן אויף זיין קורצער עמיגראַציע אין פּאַריז, ווו ער דערמאָנט מיט בענקשאַפט דעם פּוילישן פּייזאַזש, די ווייסל, וואָס פּאָלט אינעם ים אַזוי ווי "אַלע טייכן מן הסתם", ער דערמאָנט די פּוילישע וועלדער און פעלדער, וואָס האָבן זיך פאַרקריצט אין זיין האַרצן און וועגן וועלכע ער וועט שפּעטער, אין יאָרן אַרום מיט ווייטיק און פאַרשטשעמעטע ציין שרייבן: "אויף פּוילישע פעלדער - צעוואָרפענע ביינער, / אויף אַלטע בית־עלמינס - פאַרלאָזענע שטיינער, / ווער דאַרף זיי איצט האָבן".

דאָרט, אין פּאַריז, צי אין בריסל וועט ער אויך שפּעטער, אין יאָרן אַרום (1956), אויסזינגען זיין ווייטיקדיק און צאַרנדיק ליד "אָך, האָט מען מיין לעבן מיר צעבראָכן", אין וועלכן ער פירט דורך אַ דין וחשבון מיט זיין פאַרגאַנגענהייט און טרייסלט זיך אָפּ פון די פאַלשע געטער, וועמען ער האָט לאַנגע יאָרן מיט נאַיווער אויפריכטיקייט געדינט מיט זיין פעדער. דאָרט, אין אַ פּאַריזער מאַנסאַרדע, ווו עס זענען דערגאַנגען צו אים די אַנטפּלעקונגען וועגן די פאַרברעכנס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, באַגאַנגענע אין נאָמען פון פרייהייט און גליייכהייט; וועגן דעם מאָרד איבער די יידישע שרייבער, מיט וועלכע ער איז אַ צייט נאָענט געווען און וועלכע האָבן אים אַרויסגעוויזן ברידערלעכע גאַסטפריינדלעכקייט אין זיינע "מאָסקווער יאָרן" - דאָרט איז פאָרגעקומען אַ טיפער איבערברוך אין זיין לעבן און שאַפן. פון יענער צייט שטאַמען זיינע שורות:

"און אפשר פאַלט אַ טייל פון אָט דער שולד<br>אויף מיר - דערפאַר, ווייל איך האָב אויך געשוויגן?<br>די שרעק האָט מיך פאַרגליווערט און צעדולט<br>און איך האָב נישט געוועדט זיך קעגן ליגן".

* * *

מען האָט געפּרוּווט איינטיילן בינם העלערס שאַפן אין עטאַפּן: אין פּוילן ביז דער מלחמה; דער סאָוועטישער פּעריאָד; צוריק אין פּוילן ביז דעם יאָר 1956, און שפּעטער אין ישראל, פּאַקטיש אָבער זענען פאַראַן צוויי עיקרדיקע עטאַפּן אין זיין שאַפן: פונעם דעביוט אין 1932 ביז 1956 (פאַרשטייט זיך מיט פאַרשיידענע ניואַנסירונגען), און זיין לעבן און שאַפן אין ישראל פון 1957 ביזן סוף, ווען זיין פעדער איז אויף אייביק פאַרשטומט געוואָרן. דאָ, אין מדינת ישראל, האָט ער פאַרבראַכט כמעט אַ העלפט פון זיין לעבן, דאָ האָט ער זיך דערפילט אַ באַנייטער און באַפרייטער און אַזוי אויך זיינע לידער און פּאָעמעס. נישט געדאַרפט האָט ער מער זיך "ווערן קעגן ליגן", וואָס איז אָפט מאָל געווען אַ רעזולטאַט פון דער "שרעק (וואָס האָט אים) "פאַרגליווערט און צעדולט", און אַן אַנדערש מאָל איז ער (דער ליגן) דיקטירט געווען פונעם אונטערבאַוווסטזיין, פון דער יוגנטלעכער פאַרגליובטקייט אין די שענסטע הומאַנע אידעאַלן, וואָס זענען שפּעטער אַזוי ברוטאַל געשענדט געוואָרן. שוין ביים אַריבערטרעטן די שוועל פון ישראל האָט ער דעפילט, בינם העלער, אַז דאָס איז נישט נאָר זיין לאַנד, נאָר עס איז היים. אין דער פּאָעמע "דער רוף" ("ביים ראַנד", 1957) דריקט ער אויס די היסטאָרישע פאַרבונדקייט פונעם דיכטער און זיין פאָלק מיט דער ישראל־ערד. ער שרייבט:

„דעם באָדן פון שטיין און פון ליים,
דורך טויזנטער יאָרן פאַרברענט,
האָב איך ביי מיין אָנקום אַהיים
אין ערשטער מינוט נישט דערקענט".

עס האָט, פאַרשטייט זיך, געמוזט נעמען צייט ביז דער דיכטער האָט אויף ס'ניי זיין היים דערקענט; די היים וואָס האָט זיך אים פאָרגעשטעלט אַנדערש ווי אַ מאָל אין דער קינדערשער וויזיע פון טאַטע־מאַמעס היים. און אפשר האָט ער גאָר דעמאָלט נישט געטראַכט וועגן אָט דער היים, ווייל פאַרכאַפּט איז ער געווע פון גאָר אַנדערע אידעאַלן. אָבער דאָך איז זי געווען מיט אים, אין אים, אַזוי ווי אין האַרצן פון יעטוועדן יידן.

עס האָט גענומען צייט, אָבער גיך האָט ער זיך אין דער היים פאַרוואָרצלט, ווי אַ יונגער בוים, נישט קיין איבערגעפּאַלנצטער, נייערט אַ נאַטירלעך בליענדיקער מיט שפּעטזומערדיקע פּרוכטן – רייפע לידער־געזאַנגען וועגן דער האַרבער און שיינער ישראלדיקער נאַטור, מעדיטאַציס וועגן אויפגאַנג און פאַרגאַנג, וועגן גורל פונעם דיכטער און זיין וואָרט, פונעם יידישן וואָרט – און דאָס אַלץ איז באַהויכט, דאַכט זיך, מיט דעם שטילן ניגון פונעם טאַטן, וואָס האָט זיך פאַרנעסטיקט אין זיין ליד. „דעם טאַטנס ירושה – זיין ניגון – ווער וועט פון פאַרגעסן אים ראַטעווען? / זאָל איך אין אַ ליד אים פאַרהייטן? / זאָל איך אים אין גראַמען פאַרקראַטעווען?" („מיין טאַטנס ניגון", „זיי וועלן אויפשטיין", 1984). און אויך די מאַמע, די הייליקע יידישע מאַמע, באַהויכט מיט איר אָנדענק זין ליד. עס זעט אויס ווי איר רוף: „פאַר וואָס פאַראַ חטא? אָ, פאַר וואָס פאַראַ חטא"... צי האָב איך פאַרדינט אַזאַ פינצטערע שטראָף, / צי האָב איך פאַרדינט אַזאַ סוף אָן אַ סוף?" – באַגלייט אים אויף אַלע זיינע וועגן. די דאָזיקע שורות האָט העלער געשריבן אין מאָסקווע אין 1940־טן יאָר. און די מאַמע־געשטאַלט, די ליבשאַפט צו דער מאַמען, וועלכע איז ווי הונדערטער טויזנטער אַנדערע יידישע מאַמעס אומגעקומען על קידוש השם, קומט אויף אין אָן אַ צאָל ווערק זיינע. און זיין ליבע ווערט, דאַכט זיך, ווייכער, צאַרטער ביי דער בלויזער דערמאָנונג:

„וואָס דאַרף איך? בלויז דעם ריח פונעם וואַלד –
און איך וועל אויך דערזען שוין דיין געשטאַלט,
דו ביסט מיין מאַמע, האַלטסט מיך אויף דער האַנט.
דו גייסט דורך יענעם וואַלד פון יענעם לאַנד.

דאָס איז דער ריח פונעם סאָסנע־וואַלד.
וואָס האָט אַמאָל געזען דאָרט דיין געשטאַלט.
געטראַכט האָב איך שוין אין אַ שוואַרצער שעה,
אַז אפשר איז דער וואַלד שוין אויך נישטאָ.
געבליבן איז דער ריח פון פאַרברען –
און ער בלויז ווייסט איצט, אַז דו ביסט געווען".
(„די מאַמע מיטן קינד", זיי וועלן אויפשטיין", 1984

און אַזוי פלעכט זיך דורך און אַ סך פון זיינע לויטערע ישראל־לידער נישט בלויז דער מאַמעס געשטאַלט, נאָר אויך יענער וואַלד, דער סאָסנאָווע וואַלד פון פּוילן, און

אויך יענע טאָפּאָלן און יענער בעז, פון וועלכע ער קאָן זיך נישט באַפרייען, פונקט ווי ער האָט אַ מאָל, אין פּאַריז, זיך נישט געקאָנט באַפרייען פונעם ווייסל-אימאַזש. אָט פרעגגט ער אין איינס פון זיינע לידער: "טאָפּאָלן! ווער האָט אייך געגעבן / דאָס רעכט צו גיין מיט מיר אין וואַנדער / און נאָכגיין מיר דאָס גאַנצע לעבן - / אַזש ביזן צוגעזאָגטן לאַנד דעם?", און אין אַ צווייט ליד פון זעלבן כאַראַקטער שרייבט ער: " די ביימער בליען בלאָ ביי מיר אין גאָרטן, / די ביימער בליען בלאָ און איך פאַרגעס, / אַז ערגעץ אין דער קינדהייט דאָרטן, / האָט בלאָ אַזוי געבליט דער בעז." ("דור און דויער", 1967).

* * *

אין 1975 איז אין פּרץ-פאַרלאַג אין ישראל דערשינען בינם העלערס אַ פאַרהעלטנישמעסיק קליין ביכל (94 זז') א.ג. "ביחידות". איז הגם דער דיכטער האָט נאָך שפּעטער אַרויסגעגעבן איניקע אַנדערע לידער-ביכער און אַ בוך איבערזעצונגען פונעם באַוווסן פּוילישן דיכטער און אוהב ישראל יעזשי פיצאָווסקיס ביז גאָר רירנדיקע געטאָ-און חורבן-לידער, ווו העלער האָט זיך אַנטפּלעקט ווי אַ מייסטערהאַפטער איבערזעצער, פאַרנעמט דאָס דערמאָנטע קליינע ביכל אַ באַזונדער אָרט אין זיין יצירה. עס איז אַ מין פאַרסכהכלונג פונעם לאַנגן שאַפערישן וועג זיינעם. פון די שורות און צווישן די שורות אין דאָזיקן בוך שלאָגט דער הייסער און ליידנשאַפטלעכער אָטעם, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר העלערס ליריק. מיר פילן אין זיי דעם רייפן מאַן מיט אַ יונג צאַפּלדיק האַרץ, וואָס איז אָפן פאַר דער וועלט מיט אַלע אירע שיינקייטן און גרוילן, וועלכע גייען דורך דעם פילטער פון זיין געצוימטן פערז און אינערלעכער מוזיק. ווי שטעדיק איז דאָ זיין פערז פשוט, געהאַלטן מערסטנס אין שטרענגן קלאַסישן ריטעם און גראַם אָדער אַסאָנאַנס, אָבער עס איז יענע פשטות, וועלכע בלויז ברויסע מייסטערס קאָנען דערגרייכן, עס איז די פשטות פון ערשטיקע איבערלעבונגען און זעונגען, וואָס נאָר דער גאָט-געבענטשטער דיכטער קאָן געפינען זייער נאָמען. אַזוי איז עס אין די לידער תפילות און אין די לידער לעסטערונגען; אין די ליבע-לידער און נאַטור-שילדערונגען, ווו עס גייט אויף אין זיין גאַנצער פּראַכט דער ישראלדיקער פּייזאַזש, אין די שפּילעוודיקע לידער מיט טויזנט חנען, ווו העלער עקספּערימענטירט מיטן וואָרט און קלאַנג, אַרויסבאַקומענדיק פון זיי די דינסטע ניואַנסן, און אין די לידער אויף אַקטועלער ישראלדיקע טעמאַטיק. באַזונדערס אין אָט דער טעמאַטיק, וואָס שלאָגט טייל מאָל אָן אַ פּובליציסטישן טאָן, באַווייזט זיך העלער אין זיין גאַנצער מייסטערשאַפט, ווייל אויך דאָ פילט איר דעם דיכטערס האַרץ און נשמה. מיט רעכט שרייבט דער ליטעראַטור-פאָרשער און קריטיקער אברהם ליס, אַז: "בינעם העלער איז אַ בריה אין באַנוצן זיך (אין פלוג) מיט אַ פּובליציסטישער טעמע אָדער פּראָבלעם. ער וואָרעמט זי אָבער אָן מיט זיין פּאָעטישן שטראַל, אַז זי זאָל אַרויס, ווי דער פלאַטער פון אַ טויב, אי מיט שיינקייט אי מיט פלי."

אין איינס פון זיינע לידער שרייבט בינעם העלער:
"מיין ליד אינעם ריטעם פון טריט,
איך זאָג אָן אַ נאָמען, אַ טיטל,
דאָס ליד הייב איך אָן אין דער מיט,
ווי יעדעס תהילים-קאַפּיטל".

ביז גאָר כאַראַקטיעריסטיש איז דאָ דער "איך זאָג" און נישט איך זינג. בכלל געגומען איז העלער נישט קיין זאָגער, נאָר אַ זינגער, אָבער אין קאָנטעקסט פונעם "תהילים־קאַפּיטל" זאָגט זיך זיין ליד מיט די הייליקע יידישע ווערטער. אַזוי איך ווען ער שרייבט וועגן דער יום־כּיפּור מלחמה. ער דערמאָנט נישט דירעקט די שלאַכטן, די קרבנות, די העלדישקייט פון די צה"ל־זעלנער, נאָר ער מאָלט גאָר אַ בילד פון זיין געסל:

"אין אונדזער געסל איז איצט זייער שטיל
און ס'בליען רויט די מכבייער־בלומען,
און ס'איז נאָך ליידיקלעך אַזוי און קיל
נאָר די, וואָס זענען נישט צוריקגעקומען".
(זייט 56)

איר לייענעט די דאָזיקע שורות און אויך אייך ווערט קיל און אומעטיק אויף דער נשמה. אַזאַ איז דער כּוח פון קינסטלערישן בילד, פון העלערס ליד. עס צווינגט צו אידענטיפיצירן זיך מיט דעם אַזוי גערופענעם "לירישן העלד". און דעמאָלט איז מען דאַנקבאַר דעם דיכטער, וואָס ער האָט אַרויסגערופן די דאָזיקע געפילן, וועלכע האָבן ערגעצווו געגעסטיקט אין אייך און איר האָט נישט געהאַט פאַר זיי דעם געהעריקן נאָמען, דאָס וואָרט, כּדי זיי ברענגען צום לעבן. דאָס זעלבע געפיל האָבן מיר ביים לייענען אַן אַנדער ליד פון זעלבן כאַראַקטער:

"צו ווייניק רו און בלומען אין די שטעט,
און אויף די פעלדער נאָך צו ווייניק שלווה.
אַ פרעמדער בליק פון יענער זייט דערזעט -
און שיקט זיין שנאה מיט אַ פייער־סאַלווע.
די פּרוכט פון גאָרטן איז נאָך ווייניק זיס,
דער וואַלד אין די געבערג איז נאָך צו שיטער,
און פון דעם שונאס בלוט, וואָס איך פאַרגיס -
דאָס האַרץ ווערט טרוקן, און פון פייגטשאַפט - ביטער".
(דאָרט, זייט 36)

דאָ האָבן מיר אין אַ קינסטלערישער פאָרעם אויסגעדריקט די שווערע דילעמע פונעם ישראלדיקן מענטש, די דילעמע פונעם ייד, וואָס שטאַמט נאָך פון די אוראַלטע צייטן, די דילעמע פונעם צה"ל־זעלנער, וועלכער בענקט נאָך מער שיינקייט, רו און שלווה אינם לאַנד, און ווען עס קומט דער טאָג פון פּרווו, פון נסיון, מוז ער פאַרגיסן דאָס בלוט פונעם פיינט...

אינעם לעצטן ליד פון דעם דערמאָנטן בוך שרייבט בינם העלער, דער מייסטער פון יידישן וואָרט וועמען ער האָט געווידמעט זיין גאַנץ באַוווסטזיניק לעבן:

"דער כּוח פונעם וואָרט איז אומגעהייער
-מיט דעם האָב איך
געשפּילט זיך ווי מיט פייער,
מיט דעם האָב איך די הערצער אָנגעצונדן -
געבליבן זענען שפּורן פון די וווּנדן.

# דריי ביכער - דריי לידער

פון ישראל האָבן מיר באַקומען דריי לידער־ביכער, אַלע דערשינען אין יאָר 1998, און אַלע דריי פאַרשיידנאַרטיק, ווי עס איז פאַרשיידנאַרטיק די הײַנטצײַטיקע יידישע פּאָעזיע - טראַדיציאָנעל־פּאָלקסטימלעך, ליריש־עלעגיש און אינטעלעקטועל מאָדערניסטיש. די דריי ביכער זענען: ר ח ל ב ו י מ ו ו אָ ל - "טרייסט און טרויער"; ר ב ק ה ב אַ ס מ אַ ן ב ן ־ ח י י ם - "די ערד געדענקט" און א ל כ ס נ ד ר ש פּ י ג ל ב ל אַ ט - "אין געלן צווישנליכט פון רעגן".

האָבן מיר אויסגעקליבן פון די דריי ביכער דריי לידער און גיבן זיי איבער אונדזערע לייענער.

## רחל בוימוואָל

### ביים כנרת

מיך רופט מען רחל, זי - רחֵל.
פון גלות ביידע שטאַמען.
כ'שטיי ביים כנרת אויף זיין שוועל,
ווי זי איז דאָ געשטאַנען.

זי האָט געזונגען דאָ איר שיר
אין לופטיקן באַגינען.
עס ציט אַ שיר פון איר צו מיר,
אַן אומגעהייער דינער.

איך וויל דערזינגען מיין געזאַנג
אין צייט מיר אויסגעטיילטער,

איך פּרווו דאָ אויסהיילן אין זאַמד
מיין ווונד מיין ניט פאַרהיילטע.

איך זינג, און ס'האָט ניט קיין באַדייט
עברית צי יידיש לשון,
און ס'רייפט אַ רחל ערגעץ ווייט
אין כישופדיקן גאַנג פון צייט.
(און אפשר איז זי דאָ שוין?...)

זי וועט ווי איך און ווי רחֵל
פאַר דעם כנרת קניען,
און איר געזאַנג וועט קלינגען העל,
און ווייטער, ווייטער ציען...

---

מיט דעם האָב איך געשריבן מיינע לידער -
געבליבן איז אַן אָפּשיין בלויז אַ מידער.
אַ צאַפּל, און דער אָפּשיין איז פאַרלאָשן -
דאָס וואָרט ווערט איינגעזונקען אינעם לשון".

איז דאָס געווען זיין שוואַנען־געזאַנג? אין צאַפּל פונעם האַרץ - זיין מאַמע־לשון איז דאָס קינסטלערישע וואָרט פונעם דיכטער, דעם דיכטער פון אַ שווער־געפּרוווטן דור, דאָס וואָרט מיט וועלכן ער האָט "הערצער אָנגעצונדן", געוואָרן פאַרזונקען, פאַרלאָשן. און צוזאַמען מיט דעם איז אויך פאַרלאָשן געוואָרן דער דיכטער בינעם העלער. נאָך איין גרויסער יידיש־זינגער איז אַוועק פון אונדז אין דער אייביקייט און אין דער אייביקייט וועט זיין נאָמען פאַרבלייבן, אַזוי ווי עס וועט בלייבן זיין וווּנדערלעך ליד.

רבקה באַסמאַן בן־חיים

## נאָכן שטורעם

נאָכן שטורעם בלייבט אין צווייגן
אַ געשוויג.
בלעטער, די פאַרבליבענע,
גלעטן זיך די ווונדן.
זיי טרינקען פון דער זון
די טראָפּנס ליכט
און ווערן ווידער גרין.

אויך אין מיר בלייבט נאָכן שטורעם
אַ טונקעלער געשוויג.
מיינע בלעטער גלעטן זיך די ווונדן,
שטעלן זיך אין שורות אויס
און ווערן ריידעוודיק
און ווערן ווונדער.

אלכסנדר שפּיגלבלאַט

## פאַרן שפּיגל

דאָס געזאַנג האָט מיך דערקענט
הינטער אַלע מיינע מאַסקעס,
ווי דאָס וואָרט דערקענט דעם נביא
איידער עס בריט אָפּ זיין צונג
און עס שניידט אין בלויע ספּאַזמעס
קרום פונאַנדער זיינע ליפּן,
איידער ס׳ווערט צעגליט זיין גומען
ווי די ציגל אין אַן אויוון.

דאָס געזאַנג האָט מיך דערקענט
הינטער אַלע מיינע מאַסקעס,
ווי דאָס בליי דערקענט זיין קרבן,
וואָס פּאַר אים איז עס באַשערט
נאָך פון איידער אַלע איידערס -

ווען ס׳איז נאָך געוועזן מאָרך
אין די ביינער פון דער ערד,
איידער ס׳האָט אין איר געגליווערט
גאַנצע אייביקייטן דריי.

דאָס געזאַנג האָט מיך דערקענט
הינטער אַלע מיינע מאַסקעס:
אַ נאַקעטער בין איך געשטאַנען
אין דעם רעטעניש פון קופּער
און געזוכט דיין בילד אין שפּיגל,
נאָר כ׳האָב בלויז געזען דעם תהום,
אָפן ווי אַ ווונד פאַרבליבן
פון בראשית־ברא,
צווישן מיר און דיר.


**מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים**

בעטן מיר אַלעמען זיך ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:

NATHAN STEINMAN

12017 Goshen Avenue., Apt. 7 * L.A., CA 90049

Phone: (310) 820-2976 פאַרוואַלטונג "חשבון"

משה וואָלף

# דער לעצטער זינגער פון ביראָבידזשאַן, בוזי מילער

## הקדמה

..."מעגלעך, אַז ער און זיין געשיכטע וועלן עמעצן העלפן זיך בעסער פּאַנאַדערקלייבן אין אייניקע געשעענישן, וואָס קומען היינט צו טאָג פאָר אין דער וועלט, וועלכע ווערט צעריסן פון ווידערשפּרעכונגען און שטרייטן? וועל איך פּרוּוון דערציילן!"

(בוזי מילער. "עמקע". סאָוו. היימלאַנד, 1971 .12 .ז. 98)

אַ סך יאָרן טראָג איך אין זיך אַ גרויסן חוב, דערציילן וועגן דעם שרייבער און דיכטער בוזי מילער. און ניט נאָר ווייל ער איז געווען אַ טרייער פריינד פון מיין משפּחה, נאָר קודם־כּל דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ ליטערער מענטש, אַ זוכער און אַ געפינער פון גוטס אין דעם מענטש און אין זיין סביבה, אַ טאַלאַנטפולער שרייבער, אַ ביז גאָר צאַרטער דיכטער - אַן אמתר שומר פון מאַמע־לשון און פון דער יידישער ליטעראַטור אין ביראָבידזשאַן, און אַן... אומשולדיק באַשטראָפטער פון דעם סאָוועטישן סדום־רעזשים, וועלכן ער האָט ניט נאָר קיינמאָל ניט פאַרראַטן, נאָר וועלכן ער האָט אָפּגעגעבן אַלע זיינע פיזישע און גייסטיקע כּוחות במשך פון זיין גאַנץ לעבן, אַפילו זייענדיק אין די שטראָף־לאַגערן, און נאָך דעם, ווען ער איז אַרויס פון דעם גיהנום - ביז דעם לעצטן טאָג פון זיין שווערן לעבן.

וועגן בוזי מילערן מוז מען דערציילן אויך צוליב דעם, ווייל וועגן אים, וועגן זיין דערנער־לעבנס־וועג און רייכער שעפערישע טעטיקייט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן זייער ווייניק און ער אַליין האָט וועגן דעם כּמעט גאָרניט געשריבן. אַפילו אין זיין אויטאָביאָגראַפישער גרעסער דערציילונג "לויטערקייט" ("סאָוו. היימלאַנד", נומ. 8 און נומ. 12, 1971; נומ. 9, 1972 און נומ. 4, 1973) שרייבט ער זייער קאַרג וועגן זיך, און אַ סך מער - וועגן זיינע חברים, וועגן די יונגע און עלטערע שרייבער און דיכטער, וועגן די העלדישע מענטשן - אָפט גאַנצע משפּחות - ענטוזיאַסטן, וועלכע זענען געקומען פון אַלע עקן וועלט צום ווילדן צפון־סיבירער שטח, ביראָבידזשאַן, כּדי צו בויען דאָרט אַ "יידישע מדינה" און אַ ניי לעבן.

### א.

"אַ מענטש פאַרגייט, ס'פאַרשטומט זיין שטים,
ספאַרשווינדט זיין סודותדיקע וועלט מיט אים...
און ס'ווילט זיך שטאַרק אַזוי אַ יעדעס מאָל
מיט ווייטיק זיך צעשרייען אויפן קול."

יעווגעני יעווטושענקאָ. "לוידי". אין יידיש - "מענטשן". - חיים שוואַרץ)

בוזי מילער, איז געבוירן געוואָרן אין 1913, אין אַ קליין אוקראַאינער שטעטל, וואָלקאָוויץ, אין אַן אָרעמער משפּחה. דער טאַטע, אַ האָרעפּאַשניק, האָט פון פרי ביז שפּעט ביינאַכט געאַרבעט אין אַ מעטאַל־וואַרשטאַט און צוליב דעם האָט ער ווייניק געהאַט צייט זיך אָפּגעבן צו זיינע דריי קינדער. זייער דערציערין איז געווען די מאַמע,

וועלכע האָט געפּאָדערט, אַז יעדעס קינד זאָל האָבן אין דער פאַמיליע ניט נאָר רעכט און פּריווילעגיעס, נאָר אויך פליכטן: העלפן אין שטוב איינער דעם אַנדערן, העלפן עלטערע און אָרעמע מענטשן, שכנים און אויך חברים. פון איר האָט בוזי גערירשנט מיזאַמקייט, גוטהאַרציקייט און באַשיידנקייט. זי פלעגט שטענדיק אָנזאָגן: "קינדער, היט דאָס מויל פון אַ שלעכט וואָרט, היילט זיך טון גוטס און אַנטלויפט פון ליגנערס און פון רכילותניקעס".

בוזי האָט זיך אויסגעטיילט פון די אַנדערע מיט זיין פענאָמענאַלן זכרון, נייגעריקייט, טרוימערישקייט, אומגעשטילטן דאָרשט צו לייענען און צו בילדונג. ער איז נאָך ניט געווען 7 יאָר אַלט, ווען ער איז אַוועק זיך לערנען אין דער נאָרוואָס אויפגעעפנטער סאָוועטיש-יידישער מיטלשול, וועלכע ער האָט פאַרענדיקט מיט גרויס דערפאָלג. בוזי האָט פרי אָנגעהויבן צו אַרבעטן אַלס שלאָסער, אין דעם וואַרשטאַט, אין וועלכן עס האָט געאַרבעט זיין טאַטע. אומקערנדיק זיך אַהיים, אין די אָוונטן פלעגט ער שעהנווייז זיצן ביים פענצטער און מיט פאַרנעפּלטע אויגן, מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ צום הימל, טרוימען און טראַכטן.

אין 1930, "אַ הויכלעכער, זייער אַ שטאַלטנער זיבעצן יאָריקער בחור, מיט פאַרקעמטע אַרויפצו "גאָלדענע" האָר אויפן קאָפּ און מיט אַ דאָרפיש-פרישער ראָזקייט אויף די איידעלע לענגלעכע באַקן" (...) "און מיט אויגן אונטער די דינע ברעמען, וואָס ציען צו מיט זייער העלקייט" פאַרלאָזט בוזי די ענגע ד' אַמות פון דעם שטעטל און פאָרט אַוועק קיין כאַרקאָוו. (די דעמלטיקער הויפטשטאָט פון אוקראַינע). דאָרטן גייט ער אַוועק אַרבעטן אין אַ פאַבריק ווי אַ ניקל-לאַקירער. איינצייטיק קומט ער אָן אין כאַרקאָווער פעדאַגאָגישן אינסטיטוט. דאָרטן, אין דעם יידישן קלוב באַקאַנט זיך בוזי מיט די באַוווסטע יידישע שרייבער און דיכטער (פּרץ מאַרקיש, לייב קוויטקאָ, איציק פעפער, חנה לעווינע, "דער נסתר", הענעך קאָזאַקעוויטש) און מיט אַ ריי יונגע אָנהויבער - הירשקע דיאַמאַנט און עמנואל קאַזאַקעוויטש.

אין אַ יאָר אַרום פירט זיך אַריבער בוזי מילער פונעם כאַרקאָווער אינסטיטוט אין אַ מאָסקווער פעדאַגאָגישן אינסטיטוט, וווּ ס'איז אויך געווען אַ לינגוויסטישער פאַקולטעט, מיט אַ ספּעציעלן יידישן קורס. אין 1936, נאָכן פאַרענדיקן דעם דאָזיקן פאַקולטעט, שיקט אים דער קאָמיוגישער פאַרבאַנד קיין בירעבידזשאַן אונטעררירכטן אין איינער פון די יידישע שולן ליטעראַטור און שפּראַך.

דאָס איז געווען אין דער שרעקלעכער צייט פון דעם סטאַלינסטישן טעראָר אין לאַנד. דווקא דעמלאָט, ווען אַלע באַוווסטע יידישע שרייבער זענען געלאָפן פון בירעבידזשאַן, האָט בוזי מילער באַשלאָסן זיך צו באַזעצן אין לאַנד אויף שטענדיק. ער אַרבעט פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט אַלס לערער, רעדאַקטאָר פון יידישן ראַדיאָ, אַלס איינער פון די רעדאַקטאָרן פונעם "בירעבידזשאַנער שטערן" און מיטרעדאַקטאָר פון די צייטשריפטן "פאָרפּאָסט" און "בירעבידזשאַן", וועלכע זענען דערשינען אין 1948. ער איז געווען אַ דעפּוטאַט פון געגנטלעכן ראַט פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט און דער סעקרעטאַר פון דער בירעבידזשאַנער שרייבער-גרופּע.

נאָך די אַרעסטן פון די יידישע גדולי הדור - די וועלט-באַוווסטע שרייבער און דיכטער אין מאָסקווע און אין קיעוו - ווערט פאַרפירט אויך אַ פּראָצעס קעגן בוזי מילערן. ער ווערט באַשולדיקט אין "נאַציאָנאַליזם, אַנטיסטאַליניזם און אַנטיסאָוועטיזם" און אין 1949 ווערט ער פאַרשיקט אויף 10 יאָר קאַטאָרגע אין אַ שטרענגן

שטראָף־לאַגער אין ווייטן טײַשעט פון צפון־סיבירער קאַנט.

פון דער פאַרשיקונג האָט זיך בוזי מילער אומגעקערט אַ קראַנקער. די לעצטע יאָרן האָט ער שטאַרק געליטן פון שווערע האַרץ־אַטאַקן. אין 1987 איז בוזי מילער נפטר געוואָרן. איבערגעלאָזט זײַן פרוי און אַ זון, וועלכער האָט צוזאַמען מיט זײַן פאַמיליע געלעבט אין כאַבאַראָווסק. איצט לעבן זיי אַלע אין ישראל.

בוזי מילער האָט פאַרעפנטלעכט אַ גרויסע צאָל נאָוועלן און גרעסערע דערציילונגען: "ליטעראַקייט", "עמקע", "אין פולן גאַנג", "פערל נוח'ס", "מענטשן גייען אויף אַרבעט". א.א. אַ ראָמאַן "יעדן דור - זײַנס": אַ ריי פּיעסעס, וועלכע זענען אויסגעפירט געוואָרן אין יידישן מלוכה־טעאַטער. ער האָט אויך געשריבן אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דעם באַרימטן אוקראַינישן פּאָעט פּאַוועל טיטשינאַ, וועמען ער האָט אויסגעלערנט יידיש.

## ג.

"מה טובו אוהליך יעקב"

"ווי גוט זײַנען דײַנע געצעלטן, בּיראָבּידזשאַן".

(איבערזעצונג אין נוסח פון "טביה דעם מילכיקן")

בוזי מילער איז געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור אומגעריכט און באַשיידן. ער דערציילט, אַז ער האָט אָנגעהויבן באַטראַכטן זײַנע ערשטע דערציילונגען. "בעת די הענט זײַנען געווען פאַרנומען מיט זייער ניט לײַכטער, אָבער געוווינטער מי, ביי די שליף־שייבעס. דאָס, וואָס איך פלעג ניט באַוויזן ביי דער אַרבעט האָב איך דערטראַכט ביי נאַכט אויפן האַרטן געלעגער". און דערנאָך פלעגט ער פאַרשרײַבן גלײַך אויף ריין, "ווי עמעצער וואָלט מיר דיקטירן אַ פאַרטיקע זאַך. אַלץ ביז אַ מינדסטן אות איז שוין געווען פאַר פריער צונויפגעשטעלט אין קאָפּ".

פון דעסטוועגן האָט בוזי ניט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, אַז ער וועט אַמאָל ווערן אַ שרייבער. עס האָט אים "זיך אויסגעדאַכט, אַז ליטעראַטור שאַפן ניט קיין געוויינלעכע - אַפילו אויסערלעך ניט קיין געוויינלעכע - מענטשן. איך בין זיכער געווען, אַז איך וועל קיינמאָל גאָרניט שאַפן, ווייל איך בין אַ געוויינלעכער מענטש" ("עמקע" סאָוו. היימלאַנד, 1971, נומ. 8. ז.ז. 50, 52) און ווי גרויס איז געווען זײַן איבעררעשונג ווען ער איז געקומען צו דעם באַוווּסטן שרייבער דער נסתר אויסהערן זײַן מיינונג וועגן זײַן ערשטן בוך "משמורות בייטן זיך": - און אָט: - "דער באַרימטער פּראָזע־שרייבער, דער נסתר (...) "אַ פּשוטער ייד" (...). "אין שטוב ביי אים איז אויך אַלץ אַזוי אָרעמלעך־פּשוט אויפן אויסזען, ווי ער אַליין" (...) "איינס איז יאָ געווען אויסערגעוויינלעך אין דעם מענטשן - זײַנע אויגן: שוואַרצע, דורכדרינגלעכע" (...) "ווען ער רעדט מיט אייך, דער נסתר, זײַנען די אויגן פול מיט פאַרלאַנג צו טאָן אייך גוטס" - "איבערגעלייענט אייערע דערציילונגען, - האָט ער מיר געזאָגט". (...) "איך האָב אין זיי גאָרנישט פאַרריכט. מען זעט, - דעם אינסטרומענט האַלט איר פעסט אין די הענט". און צוגעגעבן:

– "נאָר וואָס וועט זיך אייך מיט דעם אינסטרומענט אײַנגעבן אָפּטאָן אין לעבן, דאָס איז שוין אָפּהענגיק פון אייך. כדי וואָס מער אופטאָן. דאַרף מען אַ סך לערנען, אומבאַדינגט לערנען! אַנדערש וועט זיך גאָר ניט באַקומען".

פון יענער צייט (1931), ווען דער יונגער אָנפאַנגער האָט באַקומען די דאָזיקע אויפמונטערנדיקע און באַגלײַך מאָנענדיקע אָפּשאַצונג, זענען פאַרגאַנגען יאָרן. בוזי מילער האָט פלײַסיק זיך געלערנט, געוואַנדערט, אַ סך איבערגעלעבט, זיך אָנגענומען

מיט לעבנס־דערפאַרונג און מיט שעפערישן וויסן, און ס'האָט זיך אים איינגעגעבן פיל אויפצוטאָן. פון יאָר צו יאָר איז זיין מייסטערשאַפט געוואַקסן, ער האָט פולקאָם באַהערשט דעם "אינסטרומענט", וועלכער האָט זיך אונטער זיינע טאַלאַנטפולע פינגער צעשפּילט און צעזונגען מיט רייכע און הערלעכע טענער.

און עס איז צו באַוווּנדערן, שוין אין די ערשטע צוויי זאַמלונגען ("משמורות בייטן זיך". 1931; און אין "אונטערן רעגנבויגן", 1934) טרעטן אַרויס בולט די שטריכן פון אַ פּראָזע־מייסטער. אין זיי פילט זיך זיין זיכערער וועלט־באַנעם. זיין פעסטער צוגאַנג. זיינע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס צו דעם, וואָס ער באַשרייבט. אַפילו היינט. אין ביז גאָר אַנדערע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע באַדינגונגען, לייענען זיך בוזי מילערס דערציילונגען מיט אינטערעס. זיי שטעלן אויף אַ וואָרהאַפטיקע פּאַנאָראַמע פונעם לעבן אין יענער צייט. דער הויפּט־העלד פון אַלע נאָוועלן אין ב. מילערס ערשטע צוויי זאַמלביכער איז דער נייער סאָוועטישער מענטש, דער קעמפער פאַר אַ ניי לעבן אין די יאָרן פון בירגערקריג. די דערציילונגען נעמען אויס מיט זייער אוממיטלבאַרקייט און מיט חן פון אַ יונגן שרייבער, וואָס דערציילט וועגן אַנדערע, פּונקט ווי וועגן זיך אַליין. אין זיין ערשטן בוך שילדערט ער דאָס לעבן אַרום זיך. ער האָט געזען און געמאָלט מיט רייכע פאַרבן אי דעם דאָרפישן, אי דעם שטאָטישן פּייזאַזש, די שטאָטישע סביבה. די באַוועגונג פון מענטשן און פון טראַנספּאָרט. ער האָט אָבער ניט בלויז געזען, נאָר אויך געהערט דאָס שושקען פון דיביימער. דאָס הוידען פונעם ווינט, דאָס צוויטשעריי פון פייגל, דעם געוואָי פון חיות, דאָס רוישן פון טראַקטאָרן און קאָמביינען. און ניט נאָר דאָס. אַחוץ דער אויסערלעכער סביבה, וואָס רינגלט אַרום דעם מענטשן, זעט דער שרייבער די אינערלעכע וועלט פון מענטשן, זייערע איבערלעבונגען, געפילן און כאַראַקטער־אייגנשאַפטן, און גיט דאָס איבער מיט וואָרט אַזוי, אַז דער לייענער דערזעט, דערהערט און דערפילט עס.

די צווייטע זאַמלונג "אונטערן רעגנבויגן" (1934) איז נאָך אַ העכערער שטאַפּל אין בוזי מילערס שאַפן. די נאָוועלעס פון דעם דאָזיקן בוך זענען אָנגעפילט מיט דראַמאַטישע קאָליזיעס. זיי זענען געשפּאַנט לויט זייער סיוזשעטישן אינהאַלט און דורכגעדרונגען מיט קינסטלערישער אינהאַלטלעכקייט פון דעם גאַנצן ספּור המעשה. באַזונדערס, ממש ווי אַ שעדעווער, טיילט זיך אויס מיט די דאָזיקע אייגנשאַפטן די נאָוועלע "גאָלד". מיט אַ שטאַרקער קינסטלערישער קראַפט שילדערט דער שרייבער דעם אינסטינקט פון פאַרדאָרבנקייט אין דער נשמה פון דער פרוי דאָבע, וועמען עס באַהערשט דער פחד, אַז מען וועט ביי איר צונעמען דאָס גאָלד, וואָס זי האָט צונויפגעקליבן און באַהאַלטן. די אַמאָליקע שיינע מאַנופאַקטורשטשיצע קאָן זיך ניט נוצן מיט דעם פאַרבאַהאַלטענעם גאָלד. אויסער שרעק און זעלבסט־פּייניקונגען איז איר גאָרניט געבליבן. און דאָס גאָלד האָט מען טאַקע ביי איר צוגענומען צוזאַמען מיט איר גוטס און מיט איר לעבן. אירע איבערלעבונגען ווערן נאָך מער איבערצייגעוודיק מיט דעם, וואָס דער שרייבער, פּאַראַלעל מיט דער דעגראַדאַציע פון דאָבען, מאָלט דאָס געשטאַלט פון איר אינדיק, וועלכער איז אַמאָל. ווי זיין בעל־הביתטע, געווען יונג און האָט מונטער אַרויסגעלאָזט זיינע געשרייען: "אָלדער־אָלדער"! און איצט, אויך ווי דאָבע איז ער פאַרשפּאַרט אין אַ שטייג. "מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן פון אַ זקן, מיט אויסגעקראָכענע פעדערן און אָפּגעבליאַקעוועטע קרעלן אויפן האַלדז, פּרוווט ער נאָך אַלץ ווי אַמאָל, אויסשרייען זיין "אָלדער־אָלדער!" ס'איז שוין אָבער דער אויסגעשריי פון

אַ באַשעפעניש, וואָס האַלטביים סוף".

אין דעם ערשטן פּעריאָד פון זיין לעבן אין ביראָבידזשאַן (1937 - 1948) האָט בוזי מילער געשריבן ווייניק. (די גרויזאַמע געשעענישן פון דער מלחמה מיט דעם נאַצישן דייטשלאַנד זענען אָפּגעשפּיגלט אין דער גרעסערער דערציילונג "ברידער".) די פּעדאַגאָגישע אַרבעט אין די שולן און באַזונדערס די ליטעראַריש-געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט האָבן איינגעשלונגען די צייט און די שעפערישע ענערגיע פונעם שרייבער. און צום סוף זענען "אַרויף זיבן דאַרע און מיאוסע קי. און זיי האָבן אויפגעגעסן די ערשטע זיבן פעטע קי" (...) און זייער אויסזען איז געבליבן אַזוי מיאוס ווי אין אָנהייב" ( בראשית, מקץ, מא, 20 - 21) - עס זענען געקומען די יאָרן פון פאַרניכטונג פון דער יידישער קולטור און פון יידישן וואָרט אין ביראָבידזשאַן, און צוזאַמען מיט דעם, דער אַרעסט און די פאַרשיקונג פון בוזי מילערן, וואָס האָבן אויף יאָרן לאַנג איבערגעריסן יעדע מעגלעכקייט צו שרייבן, לייענען און אַפילו רעדן אין יידיש.

* * *

צום גליק האָט בוזיע מילער אויסגעהאַלטן אַלע פּייניקונגען, און אַפילו דאָרט, אין די הרי החושך האָט ער באַמיט זיך זיין נוצלעך און אַ טרייסטער פאַר די שוואַכע און פאַריאושטע, פאַר אַלע, וואָס האָבן זיך געגויטיקט אין שטיצע און אין אַ גוט וואָרט. נאָך זיבן יאָר קאַטאָרגע, אין סוף פון 1956, ווערט ער רעאַביליטירט און קערט זיך אום צו זיין "שטיף-לאַנד", קיין ביראָבידזשאַן, וואָס ער האָט אַזוי ליידנשאַפטלעך ליב באַקומען אין די ערשטע "גוטע" יאָרן.

ניט געקוקט אויף זיין שלעכטן פיזישן געזונט-צושטאַנד, פאַרבלייבט ער גייסטיק שטאַרק, און ער געפינט אין זיך כוחות צוניפצונעמען דאָס קליינינקע הייפעלע פאַרבליבענע אין לעבן יידישע שרייבער, וועלכע זענען געווען זייער פאַריאושט און האָבן שוין אויפגעהערט צו האָפן, אַז עס איז מעגלעך ווידעראַמאָל דאָס אויפלעבן פון אַ יידיש וואָרט אין דעם דאַזיקן געשטראָפטן לאַנד. מיט זיין טאַט און וואָרט, מיט זיין אומויסשעפּלעכער ענערגיע האָט בוזי מילער סטימולירט יעדן איינעם ניט נאָכגעבן און ווייטער ציען דעם איבערגעריסענעם פאָדעם פון דער יידישער קולטור. ער ווערט נאָמינירט אַלס שטעל-פאַרטרעטער פון רעדאַקטאָר פון דעם גוססדיקן "ביראָבידזשאַנער שטערן". אין יעדן שבתדיקן נומער פון דער צייטונג באַווייזט זיך דאָס ליטעראַרישע זייטל, וואָס ער האָט געפירט במשך פון זיינע לעצטע צענדליקער יאָרן, רעדאַקטירט די האַנטשריפטן פון דער קליינער צאָל פען-חברים; פירט אַן אַקטיווע קאָרעספּאָנדענץ מיט די פאַרבליבענע יידישע שרייבער אין ראַטנפאַרבאַנד, דערמאַנט זיי, אַז די "ליטעראַרישע זייטלעך" וואַרטן אויף זייערע אַרטיקלען. און ס'איז ניט געווען אין סאָוועטן-פאַרבאַנד קיין איין יידישער שרייבער, וועמענס ווערק האָבן אין אָט די "זייטלעך" זיך נישט געדרוקט. און ווי פריער איז בוזי מילער ממשיך אויך זייע אייגענע ליטעראַרישע אָנשטרענגונגען: דרוקט קורצע פאַרצייכענונגען, קורצע רעצענזיעס, נאָוועלן און לידער.

אָבער באַזונדערס האָט זיך צעבליט און פרוכטבאַר זיך פונאַנדערגעוויקסן בוזי מילערס שעפערישקייט אין פעריאָד פון דעם יידישן ליטעראַרישן חודש-זשורנאַל "סאָוועטיש היימלאַנד". אָנהייבנדיק פון דעם ערשטן נומער, האָט ער במשך פון די אַלע יאָרן פאַרעפנטלעכט זיינע באַדייטנדיקסטע ווערק: פילצאָליקע נאָוועלעס און גרעסערע

דערציילונגען, פּיעסן, ראָמאַנען און לידער.

די צענטראַלע (אויב ניט די איינציקע) טעמע פון זיין שאַפן איז געוואָרן די יידישע אויטאָנאָמע געגנט. ניט געקוקט אויף זיינע שוידערלעכע זיבן יאָר פון אומשולדיקער שטראָף, אויף די גזרות רעות און עקזעקוציעס, וואָס זענען אויסגעפירט געוואָרן אין בּיראָבּידזשאַן איבער דער יידישער קולטור און איבער די געטרייסטע בויערס פון דעם דאָזיקן לאַנד, איז בּיראָבּידזשאַן פאַרבליבן בוזי מילערס היים. מיט איר האָט דער שרייבער פאַרבונדן זיין וויטערדיקן לעבנס־גורל און זיין ליטעראַרישן גורל. ער איז פאַרבליבן ביז זיינע לעצטע טעג דער משורר און באַזינגער, דער שילדערער און באַגייסטערטער מאָלער פון דער דאָזיקער געגנט.

דער שרייבער איז ממש פאַרליבט אין דער נאַטור, אין דער טייגע, אָבער דער עיקר אין דעם מענטשלעכן לעבן. דער מאָטיוו פון איבערשטאַלטונג, פון פאַרוואַנדלען די ווילדע טייגע אין אַ בליענדיק לינד, באַגייסטערט בוזי מילער. באַזונדערס גיט זיך אים איין די שילדערונג פון מענטשן אין דער געגנט. אַלע זיי זענען פאַר אים האַרציק טייער און ליב. אין אַלץ זעט ער דאָס פּאָזיטיווע, דאָס גוטע. און ווייל דער שרייבער איז פאַרליבט אינעם לעבן, אין דער געגנט און אין אירע מענטשן, לויבט ער אַלץ און אַלעמען; און דאָס ברענגט אים אין אַ ריי פאַלן צו איינזייטיקייט און אַפילו צו מאָלערישן שטאַמפּ. און באַנאַנד מיט דעם לייענען מיר ביי מילערן אַזעלכע אייגנאַרטיקע און הויך קינסטלערישע דערציילונגען, ווי "אַ מוזיקאַלע נאָוועלע" (1962) "פּערל נוח'ס" (1965), "שיינקייט" (1967), "אין פּולן גאַנג" (1968) און אַ סך אַנדערע.

ווי ס'איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן, האָט בוזי מילער ניט ליב געהאַט צו שרייבן וועגן שלעכטע מענטשן. אָבער דעם קינסטלער־רעאַליסט, דעם שרייבער מיט אַן אַקטיווער לעבנס־פּאָזיציע, קומט אויך אויס צו טאָן מיט נעגאַטיווע טיפּן. באַנאַנד מיט דער מיזאַמער און עמאַנסיפּירטער קאָלווירטניצע פּערל, אין דער דערציילונג "פּערל נוח'ס", מאָלט אונדז דער שרייבער אַ געמיינעם נפש, נוח'ן - פּערלס מאַן. נוח, דאָס געוועזענע קליין־משרתל, וואָס האָט דאָס גאַנצע לעבן געטרוימט ווערן אַליין אַ בעל־הביתל, נאָר די ווירקלעכקייט צווינגט אים צו ווערן אַ קאָלווירטניק, קאָן זיך ניט באַרויקן, וואָס די פרוי זיינע, דאָס געוועזענע דינסטמיידל, ווען ער האָט "באַגליקט" דערמיט, וואָס ער האָט חתונה געהאַט פאַר איר, איז איצט אָנגעזען אַ סך מער ווי ער. ביי יעדער געלעגנהייט שרייט ער אויף איר און דערנידערדיקט זי. איינמאָל, ווען ער פאָרט אַהיים, דעריאָגט ער זי אַ גייענדיקע צופוס פון וואָקזאַל און וויל זי ניט אַרויפנעמען אויף דער פור. מיט רוגזה שרייט ער:

"- אַ ווייב באַדאַרף איך האָבן אין שטוב, ניט אין קאָלכאָז. גענוג די פערד אָפּגעגעבן, די בהמה אָפּגעגעבן. גענוג פאַר דיינעטוועגן!

- נוח, נוח - האָט אַ מאַך געטאָן פּערל.. פאַר דיר איז די אַרבעט אין קאָלווירט אַן אָפּקומעניש, פאַר מיר - אַ פרייד, און אָט די פרייד ווערסטו ביי מיר ניט אָפּנעמען, דו הערסט?

- טאַ דאַרף מען ניט! און כאַפּט זיי אַלע אַ כוואָראָבע! פּאַאַשאָל! - נוח האָט מיט אַ רציחה אַ צי געטאָן די לייצעס, אוןביידע בולאַנע, וועלכע עס איז שוין לאַנג נימאָוס געוואָרן צו שטיין אויף איין אָרט, האָבן שטאַרק אַ ריס געטאָן דעם וואָגן.

פּערל איז אומגעפאַלן, אַ ווײַלע איז זי געלעגן אויף דער ערד ווי אין הינערפּלעט, פאַמעלעך האָט זי זיך אויפגעהויבן... אין דער ווייטנס האָט פּערל דערזען נוח'ס

איינגעהויקערטע פּלייצע, וואָס האָט זיך געטרייסלט אויפן וואָגן".

בוזי מילער קאָן שילדערן שלעכטס מיט דער זעלבער מייסטערשאַפט, ווי גוטס, נאָר דאָ איז זיין פּען אָנגעלאָדן מיט צאָרן און האַס. אין שאַרף־דראַמאַטישע, אַפילו טראַגישע קאָנפליקטן און צוזאַמענשטויסן זיגט דאָס נייע איבערן אַלטן, גערעכטקייט און אמתע גוטסקייט - איבער אומגערעכטיקייט און שלעכטקייט. אין דער נאָוועלע, וואָס הייסט טאַקע אַזוי - "שלעכטקייט" - דערציילט בוזי מילער וועגן אַ יונגן מאַן, וואָס וויל זיך ניט מטריח זיין ענטפערן אַן אַלטן מאַן, וואָס האָט זיך געווענדט צו אים מיט אַ קליינער פראַגע. "מעגלעך - שרייבט מילער, - אַז אַפילו ווען עס וועלן ניט זיין קיין מלחמות, ווען די וועלט וועט מער ניט צעטיילט ווערן אויף אָרעם און רייך, וועלן שלעכטע מענטשן נאָך פונדעסטוועגן זיין. נאָר דעמאָלט וועט מען זיי משפטן, ווי מען משפט פאַר גנבה, גזלה און דיווערסיע... דאַן וועט דאָס זיין דער גרעסטער פאַרברעכן קעגן דער מענטשלעכקייט..."

דערפאַר טאַקע מאָלט מילער מיט אַזוי פיל ליבע זיינע פּאָזיטיווע העלדן, און די דאָזיקע ליבע גיט זיך איבער צו אונדז, לייענער.

צו די העכסטע ליטעראַרישע דערגרייכונגען געהערן בוזי מילערס ווערק "עמקע" און "לויטערקייט". (סאָוו. היימלאַנד. 1971-1973) - דאָס זענען גרעסערע אויטאָביאָגראַפישע דערציילונגען וועגן אַ דויערנדיקן פּעריאָד פון עטלעכע צענדליקער יאָרן אין דעם יידיש־סאָוועטישן לעבן. דאָ זענען פאַראַן בילדער פונעם יידישן ליטעראַרישן לעבן אין מאָמענט פון זיין העכסטן אויפשטייג אין ראַטנפאַרבאַנד. מיר געפינען אויך דאָרט פּאָרטרעטן פון אַ ריי אָנגעזעענע שרייבער. אינטערעסאַנט דערציילט מילער וועגן דעם נסתר, לייב קוויטקאָ, דוד בערגעלסאָן און הערשל דיאַמאַנט.

ווי מיר ווייסן איז אין אַן אויטאָביאָגראַפישער דערציילונג דער צענטראַלער העלד געוויינלעך - דער מחבר גופא. אין בוזי מילערס אויטאָביאָגראַפישע דערציילונג האָט דער אויטאָר זיך אָוועקגעשטעלט אין אַ זייט און אַרויסגערוקט אויף דעם פאָדערגרונט דאָס געשטאַלט פון דעם יונגן (און שפּעטער דעם באַרימטן רוסישן) שרייבער עמנואל קאַזאַקעוויטש. זיין פּאָרטרעט ווערט געמאָלט אין דער דינאַמישער אַנטוויקלונג, אין קאַמף מיט שוועריקייטן, אין קאָנפליקטן מיט אַנדערע מענטשן, מיט פרעמדע אידעישע דערשיינונגען. דאָס איז באַזונדערס צו זען אין דער קעגנשטעלונג פון צוויי אַנטיפּאָדן, אין דער צוזאַמענשטויס פון צוויי פּסיכאָלאָגיעס - דער פּסיכאָלאָגיע פונעם פאַר אַלץ פאַראַנטוואָרטלעכן שעפער קאַזאַקעוויטשן און פון אַ באַגרענעצטן אינדיווידואַליסט, אַנטימאָראַלישן אויסוואָף, ליבקינען.

אין דער שילדערונג פונעם הויפּט־העלד דאַכט זיך, אַז דער שרייבער מאָלט ניט נאָר קאַזאַקעוויטשן, נאָר אויך זיך אַליין, זיין אייגן לעבן און שאַפן. עמקע קאַזאַקעוויטש איז אַ מוסטער פון אַ מענטשן און פון אַ קינסטלער פאַרן אויטאָר, דעם מענטשן און דעם קינסטלער, בוזי מילער.

באַליבט און ווויל זענען ביי מילערן אַלע פּאָלקס־מענטשן, וועלכע ער נעמט דורך מיט זיין דורכדרינגלעכער אויג און פילנדיק האַרץ און שילדערט מיט זיין קינסטלערישע פּען. פאַר מילערן זענען קיין שלעכטע מענטשן ניטאָ. און אויב עס פאַרלויפט זיך אַמאָל, אַז ער פירט אַרויס אַ ניט לייטישן פאַרשוין (ווי למשל, נוח'ן אין "פּערל נוח'ס", אָדער ליבקינען אין "לויטערקייט") לעבן אָבער די דאָזיקע פאַרשוינען אין אַ סביבה פון

שטראַלנדיקע מענטשן, און זייער שלעכטקייט פֿאַרלירט זיך אויף אַזוי פיל, אַז דער לייענער פֿאַרגעסט זיי.

בוזי מילער האָט אָנגעשריבן אויך דריי פּיעסן: "פֿון הימל פֿאַלט גאָרניט אַראָפּ" (1969), "דער אָטעם פֿון מיין געליבטער" (1970) און "דריי און דרייסיק גיבורים" (1984). דער פּראָזאַיקער האָט זיך אַנטפּלעקט ווי אַ דראַמאַטורג. "פֿון הימל פֿאַלט גאָר ניט אַראָפּ" און "דריי און דרייסיק גיבורים" זענען קאָמעדיעס. "דער אָטעם פֿון מיין געליבטער" איז אַ דראַמע וועגן דער גרויסער וועלט־מלחמה.

בוזי מילערס יידיש איז רייך און היימיש. אַחוץ דער שפע פֿון וואָרט, בילד, פֿאַרב און געדאַנק באַנעמט אונדז זיין "מאַמע־לשון" מיט שטילער מוזיקאַלישקייט, מיט דעם קוועלנדיקן און שפּרודלנדיקן ריטם, וואָס זינגט פֿון אים אַרויס.

מאָלנדיק דעם אַגראַנאָם וואָלגאָבוי, שרייבט מילער, "אַז יעדע אַרבעט האָט איר פּאָעזיע און יעדער מענטש, וואָס איז פֿאַרליבט אין זיין אַרבעט, איז אַ דיכטער".

מיט דער זעלבער מאָס קאָן מען באַצייכענען דעם אויטאָר אַליין. זיינע ווערק זענען אַן אייגנאַרטיקע איבערפֿלעכטונג פֿון קינסטלערישער פּראָזע און פּאָעזיע.

* * *

און טאַקע דערפֿאַר האָט דער יידישער פּאָעזיע־ליבהאָבער מיט פֿרייד באַגעגנט זיין לידער־זאַמלונג "דער קוואַל דער לויטערער", וואָס איז דערשינען אין פֿאַרלאַג "סאָוועטסקי פּיסאַטעל", מאָסקווע (1983).

"איך וויל, אַז דאָס, וואָס פֿאַלט אַריין
צו מיר אין האַרץ, אין וואַכן זינען,
זאָל עפּעס לאָזן פֿון זיין שיין -
אַ פֿעדעמל אויף וייטער שפּינען"

מיט אָט די ווערטער לאַדט בוזי מילער איין צו זיך אין סאָד אַריין, אין וועלכן ס'ברויזט אַ קוואַל, בליען ווינשלביימער, באַדעקטע מיט זילבערן טוי, טאָפּאָלן, וואָס וואַרפֿן אויף דער ערד וייסן פּוך; בלומען און רויזן, - "יעדער בלעטעלע איז אַ כוס...".

אין דער דאָזיקער לידער־זאַמלונג זענען אַריין נאָר 72 לידער און קליינע פּאָעמעס. אויף דער מערהייט פֿון זיי ליגט דער אָטעם פֿון אַ וואַרעם מענטשלעך האַרץ, וואָס איז פֿאַרליבט אין אַלץ, אַפֿילו אין דעם ערשטן גרעזעלע וואָס גרינט, שוין דערפֿאַר, וויל עס איז געקומען דאָס ערשטע אויף דער פֿאַרפֿרוירענער ערד. דער דיכטער ווערט פֿאַרכאַפּט מיט אַלץ וואָס ווערט (אָדער דאַרף ווערן) געבוירן, עס איז אים לייבלעך נאָענט די ערשט געבוירענע גאָרע וועלט און ער איז גרייט "מיט פֿרישקייט לויטערער און הייליקער באַהעפֿטונג" אַליין "זיך אָנהייבן שפּירן אַלס דער ערשטער מענטש אויף דער וועלט". אין אַ ריי לידער דערציילט אונדז בוזי מילער, אַז דיכטן איז זיין חוב און, אַז די מוזע הערשט איבער אים און מאָנט:

"שטיי אויף, עס רופֿט דיך ווידער שוין די מוזע,
שטיי אויף און פֿיל אים אויס, דיין טרייען חוב". (...)
ס'איז זי - די באַלעבאָסטע, דו - אַ קנעכט נאָר,
און ווען זי וויל געהאָרכזאַם פֿאָלגסט איר נאָך.
דו זעסט באַטאָג קיין שיין, דו שלאָפֿסט קיין נעכט ניט,
זי מאָנט קרבנות נאָך און נאָך"... ("די מוזע". ז. 8)

און דער דיכטער פֿילט אויס ערלעך זיין חוב, וויל ער האַלט, אַז שרייבן, דיכטן איז

זיין באַזונדערע שליחות. אינטערעסאַנט איז אויך וויאַזוי דער דיכטער דערציילט פון וואָס עס הייבט זיך אָן אַ ליד, און וואָס באַגייסטערט דעם משורר צו זאָגן שירה:

(...) "אַמאָל איז עס אַ ווינטל בלויז", און:

"אַמאָל איז עס אַ טויב...
מיט פליגל קלאַפּט זי אין מיין שויב...
די טויב אָט די,
אָט דער קאַיאָר -
מיין העלע וואָר.
ווער שלאָפּט דען, ווער,
ווער קאָן זיין מיד, ווען ס'קלאַפּט אין פענצטער
אַזאַ ליד?" ("אין פענצטער קלאַפּט מיר אָן אַ ליד. ז. 9)

בוזי מילערס דיכטונג איז אַ געזאַנג, - אַן אייגנאַרטיקער "שיר המעלות", אַן אָנגעזאַפּטער מיט זונען־שיין, מיט פרייד, אָפּטימיזם און גלויבן אין טריומף פון יושר און פון ערלעכער מי. זיינע לידער זענען אויך באַשיינט מיט דעם ניכטערן באַוווסטזיין פון לעבן און טויט, בליונג און וועלקונג, און דאָס טראָגט אַריין לעבנס־באַשטעטיקנדיקע אַקאָרדן. אין דער פרידיקער מיניאַטיור "טיי־רויזן", אין וועלכן דער פּאָעט באַזינגט דעם ליבע־סימביאָז פון די רויזן־בלעטלעך מיט דער בין, וואָס זויגט אין זיך אַריין די זאַפטן פון דער בלום, הערן זיך שוין מינאָרן:

"דערנאָך ז'די בין ערגעץ
פאַרפאַלן,
עס האָבן בלעטעלעך גענומען
פאַלן, פאַלן...
איינס נאָך איינס". (ז. 31)

אין בוזי מילערס ליריק טרעפן זיך אויך סאָציאַלע מאָטיוון. ער קאָן ניט פאַרשווייגן דאָס שלעכטע, וואָס פאַרשוואַרצט און פאַרביטערט דאָס לעבן, "אויך היינט זיינען דאָ אַלטע פאַשיסטן, / נייע פאַשיסטן, / זיי דאַרפן שיסן, שיסן". זיין האַרץ ווייטיקט, ווען ער טראַכט, אַז "אַף דער וועלט בושעווען נאָך סטיכייען בלינדע, / וועלכע קינדער און פרויען, און זקנים פאַרלענדן". ער הייבט אויף זיין קול קעגן קריג, קעגן די, "וואָס בכיוון שמידן זייער געווער" און זענען "גרייט מיט אַטאָם־שריפה / פון וועלט פאַרטיליקן די פרייד" ("פאַבריקע נאַכט". ז. 97)

בוזי מילערס ליריק איז אַ פילפאַרביקע, אַ פאָליפאָנישע. אין איר פאַרטיטור זענען פאַרגעשטעלט אַלע נגינה־שאַטירונגען - פון פאַטעטישע ביז די טרויעריקסטע מינאָרן.

ניט געקוקט אויף דעם, קאָן מען ניט געפינען אין זיין פאָעזיע קיין סימן פון יאוש און רעזיגנאַציע, פון פּעסימיזם. פאַרקערט! זיין שעפערישער וועלט־באַנעם איז פול מיט האָפענונג און גלויבן. דער דיכטער האַלט אין איין באַשטעטיקן, אַז ווי עס זאָל צומאָל ניט שווער זיין, איז פאָרט דאָס לעבן "ווי אַ ים פון פרייד", אַפילו ווען עס קומט דער האַרבסט פון לעבן, אַפילו דעמאָלט, ווען ס'שפרינגט אַרויף די זקנה און "סוואָיען שוין די זאַווערוכעס", בלייבט דער דיכטער איבערצייגט אין דער אומשטערבלעכקייט פון דעם "וואַלד", אינעם אויפקום פון דעם שטענדיק זיך באַנייענדיקן לעבן. יעדער שלוס איז פאַר אים אַן אָנהייב, און אַלעמאָל פילט ער זיך ווי אַן אַלפּיניסט, וואָס קלעטערט

"צו דעם באַרג, דעם הויכן", צו וועלכן "מע דאַרף שטייגן, שטייגן, שטייגן" (ז. 94)

דער לעבנסלוסטיקער, הגם באַיאָרטער דיכטער האַלט, אַז אַפילו אין דער טיפער עלטער, כל־זמן מע לעבט איז די פליכט פונעם מענטשן "כאָטשבי אַ קאַפּעלע אויסשטראַלן ליכט / וואָס זאָל צו עמעצן דערגיין" / "די שיין פון די ווייטע שטערן". ז. 103) ער פאָדערט פון יעדן איינעם (ווי זיין מאַמע אַמאָל האָט געפאָדערט פון אירע קינדער) "איילט זיך טון גוטס" - אַזאַ איז זיין סאָציאַל־עטישער באַרוף.

בוזי מילערס לידער זענען אָנגעפילט מיט מוזיק, אַ סך פון זיי זענען טאַקע געווידמעט דער מוזיק ("קאָנצערט", "הערנדיק ריכטערן", "עס זינגט מיריי מאַטיע", "סימפאָניע" "האַרבסטיקע סויטע").

אינטערעסאַנט זענען אויך די פּייזאַזש־מאָטיוון אין דער זאַמלונג. אָפט זענען דאָס לירישע מיניאַטיורן, מיט פילאָסאָפישע אונטערטעקסטן:

"מיט פּראָסטיק גלאָז ס'האָט פון באַנאַכט
די קאַליוזשע פאַרצויגן.
זי האָט די ערד,
ווי אירע בלינדע אויגן.
אויפגעהויבן
שטום.
שוין שפּירנדיק, ווי ס'שיט אַרום
מיט קאַלטן גרייפּלדיקן זאַלץ,
באַ הימלען שטיל זיך אָנגעפרעגט:
אָט דאָס
איז אַלץ?"

אין דער גאַנצער זאַמלונג איז ניטאָ קיין איין ליד, וואָס זאָל זיין פאַרבונדן מיט דעם דיכטערס שווערע איבערלעבונגען אין די לאַגערן, וווּ ער האָט אָפּגעשוואַרצט זיבן יאָרן. זיי זענען ניטאָ, ניט נאָר ווייל בוזי מילער, ווי אויך די אַנדערע לעבן־געבליבענע און רעאַבילטירטע, האָבן בעת דער באַפריונג געגעבן זייער חתימה, אַז זיי וועלן "פונעם חדר" גאָרניט דערציילן, וואָס ס'איז פאַרגעקומען מיט זיי דאָרטן. בוזי מילער דערקלערט זיין פאַרשלאָסנקייט מיט דעם. אַז נאָך דעם. ווי ס'האָט האַרבסטיק אָפּגערוישט דער וואַלד", איז ער ווייט פון יענע לייט. "וואָס בלויז דעם אָך און ווייַ / זיי זוכן אויס" און דעם ציקל "פון ווייטע טעג אַ רוף" הייבט ער אָן מיט דעם ליד "ניט קלאָג":

"ניט קלאָג, מיין האַרץ מיט ווייטעק אַלטן,
האָסט נייע אומגליקן גענוג
וואָס איז באַדעקט מיט אַש מיט קאַלטן,
אַפסניי צו צינדן איז ניט קלוג". (ז. 56)

אַזאַ איז בוזי מילער געווען אין זיין לעבן און אַזאַ איז ער אַריין און פאַרבליבן אין דער יידישער ליטעראַטור. אפשר דערפאַר טאַקע האָט דער שיקזאַל געשאָנקען אים כוחות און לאַנגע יאָרן אויף איבערצולעבן דעם בלוטיקן חורבן פון דער יידישער ליטעראַטור. "פון דער קליינינקער גרופּע יידישע שרייבער", נאָכן אויספילן זיין וויכטיקע שליחות, "איז ער געשטאָרבן דער לעצטער". (ח. ביידער). ברוך יהי זכרו.

צבי אײזנמאַן / קיבוץ אלונים

# װײַסער קעז

װען מען האָט איר פֿאָרגעלײגט אָנטײל צו נעמען אין דעם צװײ־מינוטיקן רעקלאַמע־פֿילם פֿון דער קאָמערציעלער טעלעװיזיע, האָט זי ניט געװוּסט צי דאָס איז אַ שפּאַס, אָדער מען מײנט עס אויף אַן אמת.

זי איז דאָך אַ דראַמאַטישע שױשפּילערין, װאָס האָט געשפּילט אין צענדליקער פּיעסעס פֿונעם קלאַסישן און מאָדערנעם רעפּערטואַר. װי פּאַסט עס פֿאַר איר? פֿון אײן זײַט האָט איר פֿאַרדראָסן, װאָס די רעקלאַמע־לײַט פֿון דער רעקלאַמע־געזעלשאַפֿט האָבן זיך דערװעגט איר דאָס פֿירצולײגן; אַזאַ פּראָיעקט איז גוט פֿאַר יונגע, שײן־געבױטע אָנפֿאַנגערינס, װאָס זענען קוים אַרײַן אין "שאָו־ביזנעס". פֿון דער אַנדערער זײַט האָט זי זיך געטראַכט:

- בלאָז זיך ניט, טײַערינקע, בעסערע אַקטריסעס פֿון דיר האָבן עס געטאָן! אויך זײ האָבן אַ מאָל געשפּילט אין "דרײַ שװעסטער", געװען שױן אַן "אָפֿעליאַ", אַ "העדאַ גאַבלער", און עס איז זײ ניט אַראָפּגעפֿאַלן אַ האָר פֿון קאָפּ. אויב מע פֿאַרבעט דיך, איז אַ סימן אַז מען האַלט, אַז דײַן אױפֿטריט איז בכוח צו איבערצײַגן דעם עולם, ער זאָל געברױכן װאָס מער װײַסן קעז, און דװקא פֿון דער "זינגער־מילכערײַ".

צו דער באַשטימטער צײַט איז זי געקומען אין סטודיאָ. צו ערשט האָט זי פֿאַרבראַכט אַ שפּאָר ביסל צײַט בײַם גרימירן: מען האָט איר פֿאַרקעמט די האָר אויף הינטערװײלעכץ און אױסגעגלעט די קנײטשעלעך אַרום די אויגן.

אין סטודיאָ האָט שױן אויף איר געװאַרט אַ לעדערנע סאָפֿע אין אַלט־רױמישן סטיל, אויף אַ הימלבלױען הינטערגרונט. אויף דער סאָפֿע איז זי האַלב געלעגן און האַלב געזעסן, אָנגעשפּאַרט אויף קישעלעך. מען האָט איר אָנגעהאָנגען אין די אױערן אַ פּאָר װײַסע אױערינגלעך און װײַס איז געװען דער שמאָלער שאַל מיט די פֿרענדזלעך, װאָס איז געלעגן אויף איר רעכטן אָרעם און זיך אַראָפּגעגליטשט לענג־אױס דעם טונקלען קלײד. דאָס האָט איר צוגעגעבן חשיבות.

דערנעבן איז געשטאַנען אַ קײַלעכיק טישל אויף דרײַ פּיסלעך. אױפֿן טישל - דאָס שעלעכל װײַסע קעז מיטן נאָמען פֿון דער פֿירמע, אויף אַ טעצלע האָט דערװײַל גערוט דאָס לעפֿעלע.

אײדער מען האָט אָנגעהױבן פֿילמירן, האָט זי אויף גיך געכאַפּט אַ קוק אין איר קלײן שפּיגעלע. עמעצער האָט אַ קלאַפּ געטאָן אַ ברעטל אין אַ ברעטל, און די פּאַטאָ־קאַמער איז אַרײַן אין טראַנס.

פּאַװאָליע, פּאַװאָלינקע און זײער געלאַסן, האָט זי מיט דעם פֿינקלענדיקן לעפֿעל אָנגענומען דעם װוּנדערקעז און בשלום עס צוגעפֿירט צו די ליפּן. זי האָט דעם קעז אַראָפּגעשלונגען מיט האַלב־פֿאַרמאַכטע אויגן. צוזאַמען מיטן אַראָפּשלינגען איז געקומען די רעפּליק:

-װײַסער קעז פֿון דער "זינגער־פֿירמע" באַגלײט מיך פֿון פֿרימאָרגן און באַשײנט מיר דעם טאָג!

זי האָט די פּאָר קורצע זאַצן אַרױסגעזאָגט מיט אַ דראַמאַטישער אָנלאָדונג און מיט אַזאַ זיסן און גליקלעכן שמײכל, װי ניט װעגן קעז רעדט זיך דאָ, נאָר װעגן אַזאַ געטלעכער סובסטאַנץ, װאָס אויב מ'איז טועם פֿון איר, איז מען שױן אַ גאַנץ לעבן

גליקלעך.

אין עטלעכע טעג אַרום, נאָך דעם ווי דאָס גאַנצע פאָלק ישראל האָט זי געזען אין טעלעוויזיע, איז זי אַריין אין דער ווינדע און דאָרט באַגעגנט דעם שכן פונעם זעקסטן שטאָק, דעם בוימייסטער, דעם קבלן, וואָס פאַרנעמט דעם גאַנצן זעקסטן שטאָק, און האָט אויפן דאַך פאַרפלאַנצט אַ גאָרטן מיט עקזאָטישע געוויקסן.

דער קבלן איז געווען זייער דיק, איבערהויפּט דער בויך, און מען האָט געפילט אין דער לופט פון דער ווינדע דעם שאַרפן ריח פון זיין שווייס.

ס'איז זיי ניט אויסגעקומען זיך אָפּט צו באַגעגענען. בלויז אין דער ווינדע, ביים אַריינגאַנג אין הויז, צי לעבן זיין גאַראַזש, אָדער ווען ער פלעגט אַראָפּפירן דעם הונט זיינעם אויף אַ שפּאַציר. ער האָט איר שטענדיק אָנטקעגנגעטראָגן אַ קאָרעקטן "בוקר טוב" און אַ מאָל אויך צוגעגעבן "מה שלומך?" דערמיט האָבן זיך אויסגעשעפּט די שכנישע באַציונגען.

דאָס מאָל, ווי נאָר זי איז אַריין אין דער ווינדע, האָט זיך איר געדאַכט, אַז ער איז דווקא זייער צופרידן וואָס זיי באַגעגענען זיך. דער "בוקר טוב" האָט געקלונגען אַנדערש. זי האָט געפילט, אַז ער וויל איר נאָך עפּעס זאָגן און דער "נאָך עפּעס" האָט ניט געלאָזט אויף זיך לאַנג וואַרטן.

- מע וווינט מיט אַ מענטש אין איין הויז און מע ווייס ניט וועמען מע פאַרמאָגט! - האָט ער אויסגערופן און באַלד צוגעגעבן: - כל הכבוד, גברת לאה, כל הכבוד! מיר האָבן אייך נעכטן געזען אין טעלעוויזיע! ס'איז פאַר אונדז געווען ממש אַ פאַרגעניגן! זייער געראָטן! עס קומט אייך אַ יישר־כוח. איך גראַטוליר אייך אין מיין נאָמען און אין נאָמען פון מיין פרוי!

לאה איז צעטומלט געוואָרן פון דעם שכנס התלהבות. ס'איז איר טרוקן געוואָרן אין מויל און זי האָט קוים אַרויסגעשטאַמלט:

- אדון שרגא, נו, באמת! טרייבט ניט איבער! ס'איז בלויז אַ קלייניקייט, געציילטע רגעס, און איר מאַכט דערפון אַ גאַנצן צימעס. בכל אופן - תודה, אַ דאַנק, אַ שיינעם דאַנק קומט אייך.

דאָס איז נאָך ניט געווען אַלץ.

ווען לאה איז אַרויס פון הויז און אַריבער אויף דער אַנדערער זייט גאַס, אויפן וועג צו דער אויטאָבוס־סטאַנציע, האָט זי פאַרהאַלטן דער פאַרקויפער פון גרינס און אויבסט:

- גברת לאה - האָט ער זיך אָנגערופן מיט אַ באַהאַלטענער טענה - גברת לאה, פאַר וואָס האָט איר מיר אייערנעכטן, ווען איר האָט געקויפט ביי מיר עפּל, ניט דערציילט, אַז מע וועט אייך זען אין טעלעוויזיע? מיין גאַנצע משפחה האָט גרויס הנאה געהאַט! איך וועל אויפהענגען אין מיין קראָם אייערס אַ בילד. זאָלן מענטשן זען ווער עס קויפט ביי מיר פרוכטן און גרינס! פון היינט אָן וועט איר ביי מיר האָבן אַ הנחה! - ער האָט אַ ווײַלע איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און באַלד ממשיך געווען: - זייט מוחל, האָט ניט קיין פאַראיבל, מיין טעכטערל בעט אייך, זי וויל האָבן אייער אויטאָגראַף. אָן דעם וועט זי מיך ניט אַריינלאָזן אין הויז.

לאה האָט קוים געזען וואָס זי שרייבט אַריין אין העפטל וואָס ער האָט איר אונטערגערוקט. זי האָט זיך בלויז אַרומגעקוקט צי קיינער זעט ניט און מיט געשווינדע טריט זיך באַלד דערווייטערט.

ביז צו דער אויטאָבוס־סטאַנציע האָט מען איר דאָ און דאָרט נאָכגעקוקט. דער

שאָפּער אין אויטאָבוס האָט איר דערלאַנגט דעם בילעט מיט אַזאַ שמייכל, ווי גלייך זיי וואָלטן געווען באַקאַנט פון לאַנג. זי איז מער ניט געווען קיין אַנאָנימער מענטש, סתּם אַ פרוי אַריבער די פופציק, וואָס פאַרדינט איר אויסקומעניש פון טעאַטער. וואָס אַ צוויי־מינוטיקער אויפטריט אין טעלעוויזיע קאָן אויפטאָן!

אויך דאָס איז, ווייזט אויס, נאָך ניט געווען דער סוף פון דער פּרשה "טעלעוויזיע".

די פרוי וואָס קומט יעדע וואָך אויפראַמען די שטוב, האָט זיך אין באַשטימטן טאָג אַריינגערוקט אויף אירע קרומלעכע פיס מיט אַ בוקעט בלומען. נאָך איידער לאה האָט באַוויזן אַרויסרעדן אַ וואָרט, האָט די פרוי, אויף איר צעבראָכענעם עברית, מיט אַ בולטן רוסישן אַקצענט, זיך צעהיצט:

– איך שוין געוואָרט אויך זען. איך שוין ניט קיין געדולד. איך זיך שטאַרק געפרייט, געזען גברת אין טעלעוויזיע. שיין, זייער שיין! איך געלאָפן צו שכנות זיך באַרימען. זיי מיך מקנא זיין. זיי ווילן איך דערציילן זיי רכילות. איך זיי ניט דערציילן. איך נאָר געלאָפן קויפן בלומען...

לאה האָט קוים באַוויזן איבערצורייסן דעם מבול פון אירע רייד:

– וויערא, גאָט איז מיט אייך! לאָזט מיך אויך קומען צום וואָרט! ס'איז זייער שיין פון אייער זייט, וואָס איר האָט מיר געבראַכט בלומען. איר דאַרפט ניט זיין איבערראַשט. ווער, ווער, אָבער איר ווייסט דאָך, אַז איך בין אַן אַקטריסע, אַז איך שפּיל טעאַטער. פאַר אייך איז עס ניט קיין נייעס. איך האָב אייך דאָך אָפט פאַרבעטן מיט אייער מאַן צו מיינע פאָרשטעלונגען. טאָ וואָס איז עפּעס היינט די שמחה? איר קומט דאָך פון אַ לאַנד, וווּ מען פאַרשטייט טעאַטער. צי מיינט איר אויף אַן אמת, אַז די פּאָר מינוט אין טעלעוויזיע זענען אַ מציאה? נאַרישקייטן! – דאָ האָט לאה געמאַכט אַ קליינע הפסקה און פאַרטרוילעך צוגעגעבן: – איר דערקענט דאָך די שטימען פון מיינע חברטעס און פריינד. איז אויב איר דערהערט אין טעלעפאָן אַ פרעמד קול, טאָ זאָגט, אַז איך בין אויסער דער שטאָט און איר ווייסט ניט ווען איך וועל זיך אומקערן.

וויעראַ האָט פאַרדראָסן וואָס לאה האָט ניט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט איר באַגייסטערונג. איז זי אַוועק זיך איבערטאָן, כּדי צו רייניקן דעם דיוואַן. און לאה איז געליבן שטיין אַ פאַרטראַכטע, מיט די בלומען אין די הענט, אין מיטן סאַלאָן, ווי אויף דער סצענע. פון די ווענט האָבן אַראָפּגעקוקט די איינגעראַמטע פאָטאָגראַפיעס פון אירע אויסגעפירטע ראָלן, די פאָטאָגרפיעס פון אירע קינדער און אייניקלעך וואָס לעבן מעבר לים און די פאָטאָגראַפיע פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן. דער פאַרהאַנג איז געפאַלן. דאָס פובליקום איז אַוועק. לאה האָט מיט אַן איראָנישן שמייכל צו זיך אַליין פּאַטעטיש אויסגערופן:

– ווייסער קעז באַשיינט מיר דעם טאָג!

חיים לאַנדאַו / ישראל

# „מיין ערשטע פרילינגס־ליבע איז געווען דער השומר הצעיר"
## (צום אָנדענקען פון חנן קיעל ז"ל)

אַ סך סטאַציעס באַצייכענען דעם לעבנסוועג פון חנן קיעל: קינדער - און יוגנט־יאָרן אין טשענסטאָכאָוו, מיליטערדינסט אין דער פוילישער אַרמיי, מיט די עלטערן אין דאַנציג, משפּחה־לעבן מיט זיין ערשטער פרוי שרה, וואַגלעניש אין די וויטקייטן פון סאָוועטנלאַנד בשעת דער מלחמה, און נאָך דער מלחמה - קאָנפראָנטאַציע מיט דעם יידישן חורבן אין פוילן. און דערנאָך - אַ באַנייטע משפּחה־נעסט מיט ליזען אין פלעשינג (ניו־יאָרק). דאָרט געפינט אַ תיקון זיין פּעדאַגאָגישער דראַנג און עס שפּראָצט אויף זיין דיכטערשער קוואַל פון יצירה.

אַ גרויסע ראָלע האָט געשפּילט אין זיין לעבן זיין צעניאָריקע אָנגעהעריקייט צו דער יוגנט־באַוועגונג „השומר הצעיר". דער דאָזיקער פּעריאָד אין זיין יוגנט האָט געהאַט אַן אומדירעקטן אָפּקלאַנג אין זיינע לידער און עסייען, און אַ דירעקטן אָפּקלאַנג אין צוויי זכרונות־קאַפּיטלען. איינס אין יזכור־בוך „טשענסטאָכאָוו", ניו־יאָרק 1958, אונטערן קעפּל „דער השומר הצעיר אין טשענסטאָכאָוו - אַ בלעטל זכרונות". דאָרט באַשרייבט ער די טעטיקייט פון „קן" - די לאָקאַלע אָרגאַניזאַציע פון השומר הצעיר, פאַרפלאָכטן מיט אויטאָביאָגראַפישע שטריכן.

ברענגען מיר דאָ דעם סיום פון מאמר:

„דער השומר הצעיר האָט פאַרשריבן אַ הערלעך קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער יידישער יוגנט אין יידישן לעבן פון אונדזער שטאָט. אומעטום ווו די אַמאָליקע שומרים געפינען זיך נאָך, לעבן זיי איצט מיט יענע יאָרן וואָס האָבן איבערגעלאָזן אַ חותם אויף זייערע אָנשויונגען, מענטאַליטעט און כאַראַקטער, דער חותם פון יענע ראָמאַנטישע שומרישע יאָרן. עס איז טאַקע אמת וואָס מען פלעגט זאָגן: איינמאָל אַ שומר, שטענדיק אַ שומר!"

אַז „די שומרישע יאָרן" האָבן געהאַט אַ השפּעה אויף זיין לעבן, זיין מענטאַליטעט, עטישן כאַראַקטער און אָנשויונגען באַשטעטיקט חנן אין זיין צווייטער אויטאָביאָגראַפישער אַרבעט - „צען יאָר לעבן אין השומר הצעיר", אָפּגעדרוקט אין „קן השומר הצעיר ב'צ'נסטוחוב", אַרויסגעגעבן פון דאָקומענטאַציע־צענטער אין גבעת חביבה, 1989. דאָ באַשרייבט ער זיינע איבערלעבענישן אין זיינע „שומרישע יאָרן". עס איז אַ מין חשבון נפש. געשריבן האָט ער עס אין יידיש. איך האָב עס איבערזעצט אין עברית. איצט, נישט האָנדיק דעם יידישן אָריגינאַל, פאַרטייטש איך עס אויפדאָסניי. איך ברענג דאָ אייניקע כאַראַקטעריסטישע אויסצוגן, פאַרפלאָכטן מיט מיינע באַמערקונגען און זכרונות.

ער שרייבט: „זייט מיינע ערשטע שריט אין השומר הצעיר זענען פאַרביין 64 יאָר. עס האָט זיך עפּעס געענדערט. חורבן, לאַגערן לענדער און שטעט - אומעטום האָב איך געהאַט פריינד און חברים, אָבער מיין ערשטע פרילינגס־ליבע איז געווען דער קן השומר הצעיר".

איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אין השומר הצעיר פּסח 1926. חונטשע קעלטשיגלאָוסקי איז שוין געווען אַ ותיק אין קן, געהאַט שוין הינטער זיך 6 יאָר „שומריש לעבן". ער האָט

זיך אָנגעשלאָסן אין יאָר 1920, זייענדיק אין צווייטן קלאַס גימנאַזיע. איך האָב זיך מיט אים נענטער באַקענט און פֿאַרבונדן פֿריינדשאַפֿט אין 1927. עס האָט אונדז פֿאַרבונדן ליבע און אינטערעס צו דער יידיש ליטעראַטור. איך געדענק מיינע באַזוכן ביי אים אין זיין קליינעם וואַרשטאַט, ווו ער האָט איינער אַליין געאַרבעט איבער טיילן פֿון "געגריוועטע שיך". מיר האָבן גערעדט וועגן געלייענטע ביכער און שרייבער, "באַהאַנדלט" לידער און אַרטיקלען פֿון די וואַרשעווער "ליטעראַרישע בלעטער". נישט תמיד געהאַט די זעלבע דעה. חונטשע פֿלעגט געלאַסן אַרויסגעזאָגן זיינע באַמערקונגען מיט זיין כאַראַקטעריסטישן איראָנישן שמייכל.

וועגן יענער צייט שרייבט ער:

"...דאָס יאָר 1927 איז געווען איינס פֿון מיינע שיינע און ראָמאַנטישע יאָרן. איך בין געווען ראש קבוצה - מדריך (אינסטרוקטאָר פֿון אַ גרופּע יינגלעך - ח.ל.)... איך האָב זייער פֿיל געלייענט, געלערנט עברית ביי שיפּער און גיטלער. געשלונגען הונדערטער ביכער: השכלה-ליטעראַטור און מאָדערנע ליטעראַטור. זיך אָנטציקט פֿון דער יידישער קולטור-שאַפֿונג, פֿון דער סאָוועטישער, אַמעריקאַנער און פֿון דער פּוילישער פּאָעזיע און פֿון דער יידישער פּאָעזיע. איך פֿלעג גיין הערן רעפֿעראַטן - פֿון קרוק, זרובבל, מירסקי, דלוגאָשעווסקי, זשאַבאָטינסקי און אַנדערע. אָבער מיין גייסטיקע היים איז געווען דער השומר הצעיר. איך האָב ליב געהאַט די מענטשן פֿון דער באַוועגונג. מיר זענען געווען אַ ספּעציפֿישער שבט מיט אַן אייגענער מענטאַליטעט און מיט אַ הויך עטישן צוגאַנג צום לעבן. ווען מיר האָבן אַנטפּלעקט אַן ענלעכן מענטש אין דרויסן האָבן מיר אים אַדאָפּטירט".

(וועגן די דערמאָנטע רעדנער: ד"ר יוסף קרוק, אַ געבוירענער אין טשענסטאָכאָוו, דעמאָלט בראש פֿון דער פּויליש-יידישער סאָציאַליסטישער אומאָפּהעניקער פּאַרטיי, זיינע לעצטע יאָרן אין ישראל, געווען זייער פּאָפּולער ביי אונדז, רעפֿערירט אין יידיש און פּויליש; זרובבל - פֿירער פֿון די לינקע פּועלי ציון; מירסקי איז דעמאָלט געווען לייטער פֿון דער יידישער פּרץ-פֿאָלקס-שולע. זיין ווירקלעכער נאָמען טאַבאַטשניק. רעפֿערירט אויף ליטעראַרישע טעמעס; דלוגאָשעווסקי אַ פּוילישער פֿריידענקער, קעגנער פֿון קאַטוילישן קלעריקאַליזם - ח.ל.

אין 1926 האָט חונטשע אָנטייל גענומען אין אַ זעקסטאָגיקן סעמינאַר אין וואַרשע. געהערט רעפֿעראַטן פֿון יהודה גאָטהעלף (שפּעטער אין ישראל, רעדאַקטאָר פֿון דער הסתדרותישער טאָג-צייטונג "דבר"), אברהם ראָוויצקי (שפּעטער בנשלום, חבר אין קיבוץ עין החורש, מיטרעדאַקטאָר פֿון "על המשמר"). קובא ריפּטין (שפּעטער עין שמר און פּאָליטישער אַקטיוויסט) האָט רעפֿערירט וועגן קונסט. יצחק גרינבוים האָט אין "אַן אַלטמאָדישן" עברית גערעדט וועגן דער געשיכטע פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג. געגאַנגען אין דער אָפּערע, באַזוכט פֿאָרשטעלונגען אין יידישן און אין פּוילישן טעאַטער, באַזוכט יאַנוש קאָרטשאַקס יתומים-הויז אויף קראָכמאַלנע. און "נאָך זעקס טעג זענען מיר אַ היים געקומען מיט אַ קולטור-באַגאַזש נוסח וואַרשע".

חונטשע האָט אָנגעהערט צו אַ פּלוגה (גרופּע) וואָס איז דעמאָלט געשטאַנען אויף דער שוועל פֿון שכבת הבוגרים - די עלטסטע שיכט, וואָס ערב איבערנעמען די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר דער דערציערישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער טעטיקייט אין קן. ער רעכנט אויס די נעמען פֿון 16 יינגלעך און מיידלעך פֿון זיין פּלוגה, צווישן זיי שרלע (סאַלאַ) קוטנער, זיין קינפֿטיקע פֿרוי, די מוטער פֿון זייער טאָכטער רות.

# פּאָעזיע אין פּראָזע

דערציילט חונטשע: "אין יענער צייט פלעג איך שרייבן פּאָעזיע אין פּראָזע. געהאַט אַן אינדיווידואַליסטישע אויפאַסונג. געווען אונטער דער השפעה פון די השומר הצעיר חברים (דאָ קומט אַ רשימה פון עלטערע שומרים פון קן; אַ טייל דערנאָך אין קיבוצים אין ארץ ישראל - ח.ל.). עס האָט אויף מיר משפיע געווען דער דיכטער נתן ביסטריצקי, וואָס האָט דעמאָלט באַזוכט פּוילן. זיין ראָמאַנטישער אויסזען, זיין ליד "לא נלך מפה", זיין בוך "ימים ולילות" האָבן אויפגעמונטערט די געמיטער אין יענע קריזיס-יאָרן" (פון דער ציוניסטישער באַוועגונג - ח.ל.).

ווייטערדיקע זכרונות פון יענער צייט: "...יאָסעק היימאַן (שפּעטער אַ קאָמוניסטישער אַקטיוויסט - ח.ל.) איז געווען באַיינפלוסט פון מאַרקסיזם און לעניניזם, פלעגט ער מיט אונדז לייענען דייטשישע לינקע פּרעסע. מיר פלעגן פיל דיסקוטירן. די אָפּגעזונדערקייט פון דרויסן האָט פון אונדז געמאַכט "דרייפערטלדיקע אינטעליגענטן" און ער שפּינט ווייטער זיין אידיליע:

"...דער כוח פון השומר הציער איז געווען אין זעלבסטבילדונג אויסער די ראַמען פון אויטאָריטעט און רוטין. כ'ווייס נישט צי דער מענטש איז אַ גוטער, אָבער דער שומרשיער מענטש איז געווען אַ גוטער. די "שומרישקייט" איז געווען ביי מיר און געבליבן מיין אויבערשטער איך".

דער שומרישער לעבנסשטייגער איז געווען - יעדן אָוונט אין קן, עטלעכע אָוונטן פאַרזאַמלונגען ("זביורקעס") פון די קבוצה, שבת נאָכמיטאָג פון דער "פּלוגה" - די קבוצה פון יינגלעך מיט דער מיידלעשער קבוצה, ל"ג בעומר אַן אויפמאַרש מיט פענער איבער שטאָט-גאַסן, דערנאָך אַ גאַנצן טאָג אין פעלד ביי סקויטישע שפּילן און אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון גאַנצן קן, אינמיטן זומער אַ חודש קאָלאָניע - די יונגע גדודים אין אַ דאָרף, 20-30 קילאָמעטער פון שטאָט, די עלטערע שכבה - אין די בעסקידן-בערג. פון צייט צו צייט אַן אויספלוג פרייטאָג צונאַכטס אין די נאָענטע בערגלעך. חול המועד פּסח און סוכות - אַן אויספלוג פון עטלעכע טעג אין די סביבהדיקע וועלדער און בערגלעך. גענעכטיקט אין סטאָדאָלעס אויף שטרוי, אַמאָל אַפילו אין עזרת נשים אין אַ קליין שטעטל. גאָר זעלטן אין אַ גאַסטהויז פאַר יוגנטלעכע "טוריסטן".

וועגן אַזאַ אויספלוג דערציילט חונטשע:

"איך געדענק איינעם פון אונדזערע אויספלוגן קיין יונעוו און זלאַטי פּאָטאָק. מיר האָבן גענעכטיקט ביי אַ פּויער. נישט געשלאָפן. איך האָב פאַרגעלייענט בזשאָזאָווסקיס "פלאַמען" אין אַ יידישער איבערזעצונג. מיר אַלע זענען דעמאָלט געווען ראָמאַנטיקער. פאַרהערלעכט דעם שטורמישן רעוואָלוציאָנערן כוח פון די נאַראָדניקעס. מיך האָט צוגעצויגן דער פּאָעטישער כאַראַקטער פון דער שאַפונג.

איך האָב נישט פאַרשטאַנען די יידישע אַסימילירטע רעוואָלוציאָנערן, וואָס ברענגט זיי צו דער תליה און צו באַרעכטיקן פּאָבראָמען, צו רעליגיע, צום פּראַוואָסלאַווישן גלויבן".

מיט דער צייט, מסתמא אין 1928, איז חנן געוואָרן באַשטימט צו זיין אַ ראש קבוצה, אַ מדריך פון אַ גרופּע יונגע יינגלעך. דער שומרשיער מדריך, אַ 17 יעריק יינגל וואָס "דערציט" 13-14 יעריקע יינגלעך (פּאַראַלעל אַ מיידל - מיידלעך) איז נישט געווען אַ

"פּאָליטרוק" און נישט בלויז אַ סקויטן־אינסטרוקטאָר. ער האָט געמוזט זיין אַן ערנסטער, פאַראַנטוואָרטלעכער, אַן ערלעכער, אינטעלעגענט וואָס פאַרשטייט די פּסיכאָלאָגיע פון אונטערוואַקסדיקן יוגנטלעכן, געווינען דעם צוטרוי פון זיינע חניכים. נישט בלויז פירן דעבאַטן אויף אַבסטראַקטע טעמעס, נאָר אויך וויסן און פאַרשטיין די ספּעציפישע קאָנקרעטע פּראָבלעמען פון יעדן פון זיינע חניכים.

## חונטשע ווי אַ מדריך

דערציילט חונטשע:

"...מיין גאַנץ לעבן בין איך געווען לערער און דערציער. אין מיין קבוצה האָבן מיר דעבאַטירט איבער פּראָבלעמען: יידן־פראַגע, סאָציאַלע נישטגערעכטיקייט, פּראָבלעמען פון קינד, פרוי, רעליגיע, יידיש־אַראַבישע באַציונגען, חלוציזם, באָראָכאָוויזם, אַסימילאַציע, געשלעכטלעכע פּראָבלעמען און אַנדערע.

איך האָב געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף מיינע חניכים. זיי זענען געווען פאַרבונדן מיט מיר און געהאַט צו מיר צוטרוי. פונדעסטוועגן בין איך נישט געווען דער אידעאַלער ראש קבוצה. פאַר מיר איז דער השומר הצעיר געווען אַ הומאַניסטישע באַוועגונג. איך בין נישט געווען באַיינפלוסט אידעאָלאָגיש־פּאָליטיש. דעריבער האָב איך נישט געהאַט קיין ציוניסטיש אידעאָלאָגישע השפעה אויף מיינע חניכים".

אין יענער צייט איז געווען אַ קריזיס אין ארץ ישראל, און אין ציוניזם. האָט עס זיך אויך אָפּגעשפּיגלט אין קן. חנן דערציילט וועגן עטלעכע געוועזענע אָנפירערס פון קן, וואָס זענען צוריקגעקומען פון ארץ ישראל אַנטוישטע. ער דערמאָנט די נעמען פנחס בירענצווייג און זיין שוועסטער מאַניע. זי איז געווען פאַרן קן "אַ מיטאָלאָגישע פּערזענלעכקייט, דער טיפּ פון אַ באַפרייטער פרוי" – שרייבט חנן. זי איז געווען ראש הקן. נאָך דער מאַטורע געלערנט זיך סטאָלעריי און געאַרבעט ווי אַ סטאָלער. צוריקקומענדיק פון ארץ ישראל האָט זי דערציילט ענטוזיאַסטיש וועגן קיבוץ לעבן, אַפילו אָרגאַניזירט אַ זאַמלונג פון שפּילצייג פאַר קיבוץ־קינדער. אָבער נישט צוריקגעפאָרן קיין ארץ ישראל, נאָר געפאָרן קיין פּאַריז שטודירן. אין 1971 האָבן מיר זיך באַקענט אין פּאַריז. זי איז געווען אַ פּראָפעסאָרין פון מיקראָביאָלאָגיע אין סאָרבאָן אוניווערזיטעט.

די בלוטיקע געשעענישן אין 1929 האָבן אָפּגעשטעלט די עליה. עטלעכע אָנפירנדיקע "בוגרים", צוריק קומענדיק פון דער "הכשרה" האָבן פאַרלאָזט די באַוועגונג. שרייבט חונטשע: "...ווער עס האָט פאַרלאָזט זוכנדיק "תכלית", ווער עס איז אַריבער צום קאָמוניזם, ווער עס האָט עמיגרירט קיין פּאַריז. אויך יאָסעק היימאַן דער אינטעלעקטואַל האָט פאַרלאָזט. מיט דעם קן האָט אָנגעפירט דער יינגערער דור און נעבן זיי "עלטערע" חברים וואָס זענען געבליבן פריי... (געוואָרט אויף עליה – ח.ל.)... דער קן איז אַרויס פון קריזיס פאַרשטאַרקט".

חונטשע איז אַרויס אויף הכשרה. וועגן דער צייט דערציילט ער נישט. ער ווערט מאָביליזירט צום פּוילישן מיליטער. געקומען צוריק אין 1931. "...בין איך ווידער אין קן. איך געפין דאָרט אַ געזונטע אָנפירערשאַפט – שמעון יוסף וויינטרויב, חיים לאַנדאַו, קלאַרוס. די קעגנער האָבן פאַרלאָזט. אויך די צווייפלער... פון מיין פלוגה זענען עולה געווען..." ער רעכנט אויס די נעמען פון זיינע חברים. (שמעון יוסף וויינטרויב ז"ל, חבר

אין קיבוץ בית אלפא; קלאַרוס - משה קלאַרמאַן ז"ל, געפאַלן אין יד מרדכי אין דער מלחמת השיחרור 1948).

## חשבון נפש

פאַרוואָס איז חנן נישט עולה געווען קיין ארץ ישראל און נישט געגאַנגען אין קיבוץ? זעט אויס, אַז די פראַגע האָט אים געמאַטערט. שרייבט ער אַ מין וידוי:

"מיינע עלטערן זענען אַוועק וווינען אין דאַנציג און איך מיט זיי. נישט עולה געווען. בין איך געווען אַ לינקער, אַ קעגנער פון ציוניזם? אָדער זענען געווען אַנדערע סיבות? מען האָט געזאָגט, אַז איך האָב נישט געהאַט דעם מוט עולה צו זיין. דאָס איז ריכטיק, אָבער נישט דער גאַנצער אמת. איך האָב געהאַט געמישטע געפילן צו דער רעוואָלוציע און צום קאָמוניזם. האָפענונג און פחד. איך האָב מורא געהאַט, אַז די רעוואָלוציע וועט נישט ברענגען די ישועה, נאָר דעם היפוך. ...איך האָב זיך געשראָקן, אַז דער אַראַבער פּראָבלעם וועט ברענגען גרויסע צרות דעם יידישן יישוב אין ארץ ישראל. אפשר איז אונדזער צוגאַנג צו דער אַראַבער פראַגע נישט באַרעכטיקט. עס האָט מיך אָנפגעשטויסן די באַציונג צו יידיש אין ארץ ישראל. פון דער צווייטער זייט געווען באַגייסטערט פון יידישן קולטור־רענעסאַנס און יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אין רוסלאַנד. איך בין געווען אונטער דער השפעה פון מאָדערניסטישע שטרעמונגען אין דער יידישער ליטעראַטור.

ארץ ישראל איז געווען פאַנאַטיש עקסטרעם צו עברית. עס איז מיר געווען פרעמד דער צוגאַנג - עברית אָדער פויליש. אין מיינע אויגן איז די באַציונג פון השומר הצעיר צו יידיש געווען דער איינציקער פלעק אויף דער באַוועגונג.

אָבער נישט בלויז דאָס. איך האָב געצווייפלט צי בין איך פּאַסיק צום קיבוץ לעבן. מיט מיין גאַנצער סימפּאַטיע צום קיבוץ, אַ ספק צי דער קיבוץ וואָלט מיך באַפרידיקט. אין יענער צייט האָב איך נישט געהאַט דעם מוט צו זיין עקאָנאָמיש זעלבשטענדיק, אָן דער מאָראַלישער שטיצע מצד מיינע עלטערן. איך האָב זיך געשראָקן, אפשר וועט דער קיבוץ פאַרנעמען דאָס אָרט פון מיינע עלטערן. איך האָב באַשלאָסן זיך צו ראַנגלען מיט די אייגענע כוחות מיט דעם מלאך החיים. דאָס זענען געווען די סיבות פאַרוואָס איך האָב נישט עולה געווען און נישט דערגאַנגען צום קיבוץ".

אַזוי פאַרענדיקט חונטשע זיין ווידוי - חשבון הנפש.

## באַנייטע פריינדשאַפט

צענדליקער יאָרן איז חונטשע פאַרשוווּנדן פון מיין האָריזאָנט. פון טשענסטאָכאָווער יזכור בוך געוווּסט, אַז ער לעבט אין אַמעריקע און האָט געביטן זיין נאָמען. אין 1971, זייענדיק אין אַמעריקע זיך מיט אים געטראָפן ,אַרויסגעבראַכט שותפודתיקע זכרונות פון אַמאָל. באַזוכט אים אין זיין היים. זיך באַקענט מיט זיין פרוי ליזע און זייער זון מאַרק. זיי ביידע האָבן לכבוד מיר אויפגעשפּילט אויף מויל־האַרמאָשקעס (אין טשענסטאָכאָוו האָט מען דאָס גערופן אַ פידעלע) ניגונים פון די שומרישע לידער.

אין 1977 געווען ביי זיי צו גאַסט מיט מיין פרוי עדינה און געגאָסן פון זייער גאַסטפריינדשאַפט. אין 1990 האָבן זיי ביידע, חנן און ליזע, באַזוכט אונדז אין קיבוץ מסילות, ווי אויך דעם שכנותדיקן קיבוץ בית אלפא. אויך זייער טאָכטער רות מיט איר

מאַן יעקוב עווערעט זענען געקומען צו זייערע עלטערן בעת זייער באַזוך. חנן האָט געהאַלטן אַן אינטערעסאַנטן פאָרטראָג אין מועדון הוותיקים (קלוב פון עלטער חברים). די דאָזיקע באַזוכן האָבן איבערגעלאָזט שפורן אין חנס פאָמע "גלבוע - געווידמעט מיינע פריינד פון קיבוץ" ("אין ווינט פון זכרון", ז' 72).

חנן שיקט מיר זיינע ביכער, און איך שרייב איבער זיי רעצענזיעס אין "ישראל שטימע" און אין דער ליטעראַטור זייט פון "על המשמר".

איך באַקום פון אים די דערציילונג "דער גאָלדענער כוס". איבערזעץ עס אין עברית און עס ווערט אָפגעדרוקט אין דער קינדער־צייטונג "משמר לילדים". פסח אין דערפרי הערן מיר די מעשה איבערדערציילט אין קינדער־פּראָגראַם אין "קול ישראל".

אין דער דאָזיקער דערציילונג "פּאַראייביקט" ער דאָס יידישע שטעטל יאַנעוו און דאָס פּריצישע אָרט זלאָטי פּיאַטעק, וואָס ער האָט געקענט פון זיינע שומרישע אויספלוגן.

די באַנייטע באַגעגניש מיט חנן ברענגט צו אַן אינטענסיוון פריינדשאַפטלעכן בריוו־אויסטויש, וואָס האָט זיך געצויגן ביז אַ קורצער צייט פאַר זיין טויט. זיין טאָכטער רות, וואָס וווינט אין מצפה רמון אין נגב האָט מיר טעלעפאָניש מיטגעטיילט, אַז צוליב זיין געזונט־צושטאַנד קאָן ער מיר נישט שרייבן מער. איך האָב זיך זייער מצער געווען.

זיין ליטעראַרישע שעפערישקייט איז געווען שטאַרק דווקא אין זיינע עלטערע יאָרן, געשפּראָצט ווי מעיין המתגבר. די ברייטע קאַנווע פון זיין ליריק און די באַלאַרנדיקע עסייען האָבן געצויגן זייערע זאַפטן פון זיין פילפאַרביקער פּערזענלעכקייט און רייכן לעבנס־נסיון. יעדעס מאָל ווען איך פלעג באַקומען "די צוקונפט", דעם "חשבון" אָדער אַן אַנדערע יידישע צייטשריפט, פלעג איך קודם כל לייענען חנן קיעלס ליד און עסיי. ווען איך האָב באַקומען דעם לעצטן "חשבון" האָב איך קודם כל געזוכט צי עס געפינען זיך דאָרט חנס שאַפונגען. אָבער נאָך איידער איך האָב געעפנט דעם זשורנאַל האָט מיר רות איבערגעבן די טרויעריקע בשורה...

* * *

חנן קיעל איז תמיד ביי מיר פאַרבליבן דער יוגנטלעכער שומר חונטשע. ער איז געווען און געבליבן דער אידעאַלער שומר הצעירניק, מיט אַלע מעלות, וועלכע ער האָט געוואָלט געפינען אין זיין אידעאַליזירטן השומר הצעיר.

צום אַוועקגיין אין דער אייביקייט פון
**נחום בלושטיין**
דריקן מיר אויס טיפן מיטגעפיל זיין פרוי -
אונדזער לאַנגיאָריקע מיטגלידערין שרה בלושטיין
און די זין פייוול און יונה
יידישער קולטור־קלוב אין ל.א.

שירה גאָרשמאַן / אַשקלון

## דער זיידע וווּנדערט זיך

דער זיידע זאָגט פֿאַרוווּנדערט צו דער באָבען: געטרייע ווייב מיינע, איך האָב געהערט, אָבער ס'איז ניט געווען וואָס צו הערן, ווייל דו האָסט געשוויגן ווי אַ פּיש. ציפּע מאַטעסעס האָט געמאַכט פון דיר בלאָטע... כ'האָב מיינע אויערן ניט געגלייבט, אַז דו וועסט עס איר פאַרשוויגן.

– אוי מיין מאַן, איך וווּנדער זיך אויך, נישט שוין זשע פאַרשטייסו ניט, אַז כ'האָב געקענט פון איר מאַכן אַש און שטויב, נאָר כ'האָב זיך דערמאָנט אַ ווערטל פון מיין מאַמען ע"ה, וואָס זי האָט געזאָגט וועגן אונדזער שכנה חיה די שרייערקע און די שעלטערקע: זאָל זי שרייען וויפל זי וויל ס'וועט איר גאָרנישט העלפן, זי וועט זיין דער גרעסטער נאַר... איצטער פאַרשטייסטו שוין מיין מאַן, פאַרוואָס כ'האָב געשוויגן? כ'האָב זיך דערמאָנט אין מיין מאַמעס ווערטל, זאָל די וואָס שרייט, שרייען וואָס זי וויל, דער נאַר וועט די שרייערקע בלייבן.

## חיה די בעקערקע

חיה איז געווען אַ יידענע וואָס איז געגאַנגען אין דער ברייט. געוויס האָט זי געהאַט אַלץ, וואָס אַ יידענע דאַרף האָבן, נאָר זי האָט אויך געהאַט אַ ביסל מערער שכל ווי ביי אַנדערע ווייבער. איר מאַן חנא האָט געטאָן וואָס אַלע יידן טוען און עס איז ביי זיי געווען קיין עין הרע אַ פולע שטוב מיט קינדער. אנומלטן איז חנאן איינגעפאַלן אַ קלוגער געדאַנק. די קינדער זענען שוין געשלאָפן, ער מיט חייהן זענען שוין אויך אין בעט געלעגן, מאַכט ער צו איר: – חיה, ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן, מיר האָבן קיין עין הרע, זיי זאָלן אַלע געזונט זיין, עלף קינדערלעך. טייַלמאָל ווינטש איך זיך, אַז איך זאָל אַלט ווערן און איך זאָל ניט דאַרפן ציילן ביז צוואַנציק!

חיה האָט דאָס גאַנץ גוט געהערט און האָט צו אים געזאָגט: אוי חנא, חנא, זאָלסט לעבן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, נאָר איך מיין, אַז ס'איז בעסער צוואַנציק קינדער איידער צו ווערן אַן אַלטער...

– שוויגסט? אַזוי זאָלסטו שווייגן אַלע מאָל, און זאָל זיין ווי ס'איז באַשערט. ער אין הימל ווייסט בעסער וויפל קינדער דו דאַרפסט.

## די מומע ביילע

אַז כ'פלעג אַריינקומען צו דער מומע ביילען, פלעג איך נישט וויסן ווו זיך אַהינצוטאָן. די שטוב איז געווען פול מיט קינדער, דאָס קראַנקע יינגעלע עזריאַלקע פלעגט אַלע מאָל זיצן אין אַ קעסטעלע און בעטן זיך ביי דער מומען: גיב מיר נאָך אַ שטיקל ברויט... און ווי נאָר ער פלעגט עס אַראָפּשלינגען, פלעגט ער ווידער שרייען: גיב מיר ברויט! די מומע ביילע פלעגט אים געבן און ער פלעגט זיצן אין קעסטעלע און קייען.

איין מאָל בין איך געקומען צו דער מומע ביילען און איך דערזע, אַז עזריאלקע איז נישטאָ און אויך דאָס קעסטעלע איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. פרעג איך: מומע ביילע, האָסט

עזריאלקען אַרויסגעטראָגן אין פּאַרקן? גלעט זי מיך, וויינט און ענפערט מיר: הלוואַי וואָלט איך אים אַרויסגעטראָגן אין פּאַרקן. זעסט דאָך, אַז איך בין דאָ און בין נישט געגאַנגען. אים האָבן פרעמדע יידן אַוועקגעטראָגן גריילעך ווייט, ער וועט שוין קיין מאָל נישט קומען צוריק.

## די מערדער זענען אויך שטערבלעך

מען האָט געטריבן אַ מענגע מענטשן צו די פּאַרוואָרפענע קוילנגריבער. די קולות "שמע ישראל" האָבן געשפּאָלטן דעם הימל...

די יונגע מערדער מיט אויטאָמאַטן האָבן אַרומגערינגלט די אומשולדיקע מענטשן. די סאַמע גרעסטע מערדער - ליטווינער, אוקראַינער, לעטן האָבן שוין מערדערלעך געשלאָגן די מענטשן, אָבער איך איינער, אַזוי טראַכט איך, האָב זיך געוווּנטשן, אַז דער אוקראַינער, וואָס גייט לעבן מיר, זאָל ניט אויסשיסן פאַר דער צייט.

אָט זענען מיר שוין ביים ראַנד פון קוילנגרוב. מיט מיין גאַנצן כוח האָב איך אים אַרומגעכאַפּט און מיר פליען צום אָפּגרונד, ווי לאַנג איך בין געפלויגן - געדענק איך ניט. נאָר אָט ליג איך און ריר מיט די הענט אַרום זיך און פאַרשטיי, אַז איך ליג אויבן און ער ליגט אונטער מיר. ער רירט זיך ניט. אָבער איך פּרוּוו באַוועגן אַ האַנט, אַ פוס, און איך פיל, אַז איך קען. איך ליג נאָך אַ ביסל. שטעל זיך אויף אויף איין קני, אויף דער אַנדערער, גאָט מיינער, איך קאָן גיין! ער ליגט. איך פאַרשטיי, אַז ער וועט שוין קיין מאָל ניט אויפשטיין. איך זוך דעם וועג ווי אַרויסצוגיין פון דער שאַכטע. נאָר איר זעט דאָך, אַז איך זיץ לעבן אייך, האָב איך געטראָפן דעם ריכטיקן וועג.

אַזוי פיל יאָרן אַוועק. און איך פלי נאָך אַלץ. אַזוי וועל איך פליען ביז מיין לעצטן אָטעם. זאָגט אַליין. אַלץ איינס האָט מען געדאַרפט שטאַרבן. פאַרוואָס זאָל דער מערדער ניט באַגראָבן ווערן. ווען אַלע וואָלטן געטראַכט אַזוי ווי איך, וואָלט מיין אוקראַינער ניט געווען דער איינציקער וואָס רירט זיך נישט.

## מלחמה

מלחמה איז ניט נאָר אַן אומגליק אויפן שלאַכטפעלד, מלמה מאַכט קלאָר ווער איז וואָס. ס'איז דאָך קלאָר, אַז ווען עס ווערט אַ מלחמה, פאָרן מענטשן אַוועק. נישט אַלץ נעמען זיי מיט זיך, און ס'איז פאַראַן אַזאַ גוטער שכן, וואָס ער נעמט די דירה פון דעם אַוועקגעפאָרענעם מיט אַלץ וואָס געפינט זיך אין איר... די מלחמה ענדיקט זיך, די אַוועקגעפאָרענע קומען צוריק, זאָגט דער געוועזענער בעל הבית פון דער דירה: דו האָסט דאָך אַ גאַנצע שטוב, וואָס האָסטו געדאַרפט מיין דירה? ענטפערט דער וואָס האָט די דירה פאַרנומען און צוגענומען אַלץ, וואָס אין איר איז געווען: גיי און זוך זיך אַן אָרט ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. דו ביסט גערעכט, די דירה און אַלץ וואָס אין איר איז געווען דיינע, און איצט איז זי מיינע...

---

צו די לייענער און אַבאָנענטן פון "חשבון"

צוליב דער פאַרגרעסערונג פון די הוצאות ביים אַרויסגעבן דעם זשורנאַל מוזן מיר העכערן דעם אַבאָנאַמענט-אָפּצאָל אויף 20 דאָלאַר אַ יאָר.

**די אַדמיניסטראַציע**

אברהם ליס

## פוילן, ביאַליסטאָק - אַפּריל 1983

פונעם נישט לאַנג צוריק פאַרשטאָרבענעם באַוווסטן שרייבער און יאָרנלאַנגן דירעקטאָר פון בית שלום-עליכם אין תל-אביב אברהם ליס האָבן מיר קורץ סאַר זיין פּטירה דערהאַלטן דאָס פּאָלגנדיקע בריוול, וואָס מיר דרוקן דאָ איבער מיט קליינע קירצונגען:

"מיין ליבער פריינד משה שקליאַר,

שלום וברכה צו אייך צום נייעם יאָר תשנ"ט. ביי מיר: איך אַרבעט ווי געווען סיי אין בית שלום-עליכם, סיי ביי מיין שרייבערישער טואונג. וואָס טוט זיך ביי אייך? איך באַקום אייער "חשבון" און האָב בפירוש אַ גייסטיקן געוסס אים צו לייענען. גייט אָן אַזוי ווייטער און ווייטער.

אגב, מיט עטלעכע חדשים צוריק איז דאָ געווען אַ לערער פון יידיש, וואָס וווינט אין אַ פּעריפעריע פון לאָס-אַנדזשעלעס (יעקב באַסענער). איך האָב אים איבערגעגעבן - אייך צום איבערגעבן - מיינס אַ באַשרייבונג פון מיין באַזוך אין פוילן אין יאָר 1983. אויב עס איז אייך נאָענט צום האַרצן דרוקט עס אין "חשבון".

מיט פריינדשאַפט
אברהם ליס."

פילן מיר איצט אויס די בקשה פונעם מחבר און דרוקן זיין אַרבעט, באַערנדיק אַזוי אַרום זיין אָנדענק. עס טוט ווי דאָס האַרץ, וואָס ער וועט זי שוין נישט זען געדרוקט אין "חשבון".

**די רעדאַקציע**

אויף דעם הויף ווו מיר האָבן געוווינט (טשיסטע-גאַס 12) איז אויסער אַ גרויסן פּרוכטסאָד, וואָס האָט אָפּגעשלאָסן דעם הויף, געווען אַ קאַרשנבוים, אַ צעצווייגטער קאַרשנבוים, וואָס איז געשטאַנען נאָענט ביי דעם פענצטער פון אונדזער דירה.

דער בוים איז שיין געווען אין זיין ווינטערדיקער, שנייקער באַצירונג, און אַ נחת-רוח זומערצייט, במשך אַ גאַנצן זומער פלעגן מיר, קינדער פון דעם הויף, זיך טוליען אַרום דעם בוים, געקראָכן אויף זיינע צווייגן, זיך געשפּילט אַרום אים, די עלטערע פלעגן אין די זומער-פאַרנאַכטן זיצן אויף דער באַנק, וואָס אונטער דעם קאַרשנבוים און זיך אָפּפרישן, הנאה געהאַט פון דער שאָטנדיקייט און פון דער אַרומיקער גרינקייט. אַ בוים - אַ היימישער, אַ יידישער - ווי אַלץ אַרום איז געווען. יאָרן אויף יאָרן, אַז איך פלעג מיך דערמאָנען אין דער אַלטער היים, פלעגט באַלד אויפטויכן פאַר מיר דער קאַרשנבוים, ווי אָט דער בוים וואָלט גאָר געווען דער אָנזאָגער, דער דערמאָנער און דאָס חיות פונעם לעבן וואָס איז געווען.

וואָס נענטער ס'איז געקומען דער טאָג פון אונדזער אָפּפאָרן קיין פוילן, אַלץ מער האָט זיך צעשפּילט אין מיר דער אומרו, אַלץ מער האָט געפּיבערט אין מיר און געפלאַטערט דאָס געפיל פון אומבאַוווסטקייט און צו מאָל מורא פאַר אָט דער באַגעגעניש. און ווידער איז דער בוים, דער קאַרשנבוים, אין זיין צעבליטקייט, געשטאַנען פאַר מיינע אויגן מיט די צעשפּילטע קינדער אַרום אים.

מיטוואָך דעם 13טן אַפּריל זענען מיר אָפּגעפֿאָרן קיין וואַרשע. דער פֿרימאָרגן איז אין תל־אביב געווען אַ פֿרילינגדיקער, אַ זוניק־צעשמייכלטער, אַראָפּ זענען מיר אויף פּוילישער ערד אין אַ קאַלטן, לייכט־שנייקן פֿרי־אָוונט. די גאַסן קאַרג באַלויכטן, די מענטשן אַרום - שטאַרע, גרויע. עפּעס אַן אומעט האָט געווייעט פֿונעם אַרום און האָט זיך ווי איבערגערופֿן מיט דער דערדריקנדיקער שטימונג. דער האָטעל אין וועלכן מ'האָט אונדז אַריינגעפֿירט, ווו אַלע געקומענע דעלעגאַציעס זענען איינגעשטאַנען, געפֿינט זיך אין האַרץ פֿון דער אַמאָליקער און אויך היינטיקער עלעגאַנטער וואַרשע, אַלייע יערוזאַלימסקע, ראָג מאַרשאַלקאָווסקאַ, אַ גרויסער מאָדערנער טוריסטן־האָטעל.

קיין פּוילן בין איך געפֿאָרן ווי אַ מיטגליד פֿון דער דעלעגאַציע פֿון "וועלטראַט פֿאַר יידישער קולטור", אָנטייל צו נעמען אין די אָנדענקאַקטן, אַקאַדעמיעס לזכר דעם 40סטן יאָרטאָג פֿון וואַרשעווער געטאָ־אויפֿשטאַנד. דאָס פֿאָרן קיין פּוילן האָט סיי אין ישראל, סיי אין די תפוצות אַרויסגערופֿן וויכוחים, געווען פֿאַר און געווען אַ קעגנטיקע קעגנערשאַפֿט. ווער ווייס, אפשר זענען ביידע צדדים געווען גערעכט. אַזוי איז עס.

ניין, דאָס מאָל זענען די דעבאַטן וועגן פֿאָרן - ניט פֿאָרן - מיך נישט אָנגעגאַנגען, איך האָב געוואָלט, געגאַרט, ס'האָט געמאָנט אין מיר און ניט אָפּגעלאָזט - איך מוז פֿאָרן. איך מוז - ווי איינער פֿון פֿאָלק - זען און פֿילן ווו און ווי אַזוי אונדזער פֿאָלק איז אומגעקומען.

איך האָב פֿאַר אַלע יאָרן פֿון נאָכן קריג געהערט, געלייענט, זיך ממש אַריינגעלעבט אין דעם פּיין פֿון דער אומקום־דראַמע. די טראַגישע, יסורימדיקע וואָר האָב איך איינגעזאַפּט פֿון צענדליקער ניצול־געוואָרענע בעת איך האָב אויפֿגענומען גבית־עדות פֿון אָנגעקומענע קיין ארץ־ישראל, אָפּגעראַטעוועטע פֿונעם גיהנום, פֿון די געטאָס און לאַגערן - אָבער איך האָב געפֿילט אַז איך מוז קומען.

און די קאָנפֿראָנטאַציע מיט דעם דאָרט איז געווען אַ קאָשמאַרפֿולע, אַן אויפֿרודערנדיקע, אַ שניידיקע, בפֿרט פֿאַר אַ ייד וואָס האָט פֿאַרלאָזט פּוילן מיט 47 יאָר צוריק, אַ צייט ווען יידיש־לעבן האָט געאָטעמט פֿול און חיותדיק, ווען עס האָט געגלימערט מיט נאַציאָנאַלער, מיט ווירטשאַפֿטלעכער, מיט קולטור־שעפֿערישער אַקטיוויטעט. איז דער צונויפֿטרעף מיט דעם פּוילן פֿון היינט, מיט דער ערד, וואָס איז דורכגעווייקט מיט דעם בלוט און גרויל פֿון יידישער מאַטיראָלאָגיע, אַ דערשיטערנדיקער.

וואַרשע אָן יידן, לובלין אָן יידן, ראַדאָם אָן יידן, קעלץ אָן יידן - פּוילן אָן יידן! און ביאַליסטאָק - מיין געבוירן־שטאָט - 7 יידן לעבן איצט דאָרט. איינע פֿון די הויפּט־סיבות, וואָס האָט מיך באַוועגט צום פֿאָרן קיין פּוילן, איז געווען דער אומאויפֿהערלעכער באַגער צו זען מיין אַמאָליקע היימשטאָט. אָט דער ווילן האָט געמאָנט אין מיך, באַגלייט מיך מיט אומרו - זיין אין ביאַליסטאָק.

דעם זעלבן אָוונט נאָכן אָנקומען קיין וואַרשע האָב איך מיך געפֿרעגט ביי דעם האָטעל־באַאַמטן, ווי און מיט וואָס קען איך אָנקומען קיין ביאַליסטאָק? דער ווילן תיכף צו באַזוכן די שטאָט פֿון מיין יוגנט האָט מיך געהאַלטן ווי אין אַ קלעם. מיין פּלאַן איז געווען: שוין צו מאָרגנס פֿאָרן קיין ביאַליסטאָק. אָבער איך האָב געהאַט אַ שטיקל אַנטוישונג. ווייזט זיך אַרויס, אַז בלויז איין באַן, 5 פֿאַר טאָג, פֿאָרט אַרויס אַהין און קערט זיך אום 4 ביי טאָג. די נסיעה דויערט 6 שעה. ס'איז מיר געוואָרן נאָך קאַלעמוטנער. פֿאָרן אַליין מיט אַ טאַקסי קיין ביאַליסטאָק האָב איך ניט געוואָלט,

עפּעס האָט עס מיך געשראָקן.

אַ גאַנצע נאַכט האָב איך ניט צוגעטאָן קיין אויג, אָן אינערלעכע באַדרענגשאַפּט האָט מיך ניט געלאָזט איינשלאָפן. ווי אויף אַ פּאָטאָ־לענטע זענען אויפגעגאַנגען פאַר מיר בילדער פון אַמאָל; מענטשן, קרובים, פריינד, די יוגנט־יאָרן האָבן זיך געצויגן, פאַרביימאַרשירט און מיך געהאַלטן וואַך. מיטן שפּראָץ פון טאָג בין איך אַרויס אויף די גאַסן פון וואַרשע.

ס'איז געווען אַ כמורנער פאַרטאָג. מענטשן האָבן זיך שוין געאײלט צו די אויטאָבוסן, צו די טראַמווייען, געשפּאַנט צו זייערע אַרבעטספּלעצער, צו דער טאָג־טעגלעכער מי. עס גייען יונגע און עלטערע, אַפילו די יונגע זעען אויס אַזוי אָנגעשטרענגט און פאַרכמורעט, קיין שמייכל זעט מען ניט, אויסגעלאָשענע פּנימער. יאָ, איך אויף אָט די גאַסן האָט דאָך אַ מאָל געווימלט מיט יידיש לעבן. די אַמאָליקע יידישע קוואַרטאַלן, די יידישע גאַסן זענען דאָך בכלל אָפּגעמעקט. - נישטאָ. נאָך צוויי שעה אַרומבלאָנקען האָב איך מיך צוריקגעקערט אין האָטעל־צימער. ס'איז אַרום אַכט אין דער פרי, מיין פרוי איז שוין וואַך געווען. מיר האָבן געדאַרפט באַשטימען וועגן אונדזער נסיעה קיין ביאַליסטאָק. ווי אַזוי דערשלאָגט מען זיך אַהין?

אַ שאַרפער קלונג פון טעלעפאָן האָט מיך אַרויסגעריסן פון מיין פאַרטראַכטקייט. אַ היימישע יידישע שטים באַגריסט מיך און זאָגט, - דאָס רעדט שמעון באַרטנאָווסקי. "איך בין מיט אַ שעה צוריק אָנגעקומען קיין וואַרשע כדי אייך צו נעמען קיין ביאַליסטאָק". איך האָב געוווסט: איסאַק ריבאַלאָווסקי, דער דינאַמישער טוער און סעקרעטאַר פון ביאַליסטאָקער־צענטער אין ניו־יאָרק האָט אים געשריבן און געבעטן מיך אויפנעמען, ווען איך וועל קומען קיין ביאַליסטאָק. אָבער אויף אַזוינס האָב איך זיך ניט גערעכט.

שמעון באַרטנאָווסקי איז איינער פון די פאַרבליבענע יידן אין ביאַליסטאָק. ער האָט דורכגעמאַכט דאָס יסורימדיקע פון געטאָ און קאַצעט. היינט אַרבעט ער אין אַ קאָאָפּעראַטיוו און איז דער אויפזעער איבער דעם געטאָ־בית־הקברות.

אַ גאַנצע נאַכט איז ער געפאָרן מיט דער באַן, איז אויסגעפּרוירן געוואָרן אין די ניט־באַהייצטע וואַגאָנעס, בכדי אָנצוקומען צו דער צייט און מיך נעמען אַהין. ער איז דאָך געווען אַ תלמיד אין דער תחכמוני־שול און ווייס עפּעס וועגן מיר...

אין אַ האַלבע שעה אַרום איז ער געקומען אין האָטעל מיט זיינעם אַ פּוילישן פריינד (אַן אָפּשטאַמיקער פון זאַבלאָדאָווע), אַ טאַקסי־שאָפער. ביז היינט פיל איך נאָך די וואַרעמקייט און דעם געפיל וואָס האָט מיך באַהערשט, ווען איך האָב דערהערט די שטים פון אָט דעם שמעון באַרטנאָווסקי.

מיר זענען באַלד אָפּגעפאָרן אין דער ריכטונג צום שאָסיי וואָס פירט קיין ביאַליסטאָק.

דער טאָג איז געווען אַ כמורנער, אַ קאַלטער, דער ווינט־געווירבל האָט געטראָגן אין דער לופטן דעם לייכטן שניי. שטיל אַרום, ביי די זייטן פון שאָסיי - דערפער, באַאַרבעטע פעלדער. מיר פאָרן דורך שטעטלעך, וואָס זענען אַ מאָל פול געווען מיט יידן, היינט איז כמעט קיין שפּור ניט געבליבן, קיין זכר.

נאָך דריי שעה פאָרן האָט באַרטנאָווסקי געבעטן דעם שאָפער זיך פאַרקערעווען אויף אַ זייטיקן וועג. ס'איז געווען ביי דעם שטעטל סטאַראָסיעלץ. מיר זענען שטיין געבליבן אויף אַן אָפענעם געפלאַסטערטן שטח: שטיינער, שטיינער ווי מצבות, פון אַלע גרויסן, און נעבן זיי אויסגעברענטע ליכט. אַ וועג פירט צו אַ הויכן מאָנומענט - דאָ אויף דעם

פלאַץ זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דײַטשן, ימח־שמם, איבער דרייסיק טויזנט נפשות, צווישן זיי אַ קליינע צאָל ניט־יידן.

מיר האָבן אָנגעצונדן ליכט. דאָס איז געווען די ערשטע באַגעגעניש מיט אַן אומקום־פּלאַץ. ס'האָט אונדז געשווידערט. אין טרעבלינקע, אין בירקענאַו, אין אוישוויץ זענען מיר געווען אין די וויטערדיקע טעג. ניין, וועגן דער איבערלעבונג פון דאָרט סטייען מיר ניט קיין ווערטער.

אויפן וויטערדיקן וועג – שוין נאָענט צו ביאַליסטאָק – דערציילט אונדז באַרטנאָווסקי וועגן די פּיין־איבערלעבונגען, וועלכע ער איז דאָ דורכגעגאַנגען. נאָר אָט זענען מיר ביי כאַראָשטש, אָט איז אַנטאָניוק, און אָט קומען מיר אין ביאַליסטאָק. פאַר אונדז – דער וואָקזאַל. ער שטייט, דער וואָקזאַל, ווי אַ מאָל. די הילצערנע בריק איבער די באַנרעלסן איז אויך געבליבן. דאָ, אונטן, איז דאָך געווען דאָס אַריינפאָרהויז פון דער פאַמיליע ריבאַלאָווסקי. געווען אויך אַנדערע יידישע הייזער – זיי זענען נישטאָ. אַפּגעמעקט.

מיר קומען צום געטאָ־בית־הקברות – דאָ, אין די ברידער־קברים, ליגן די טויזנטער דערמאָרדעטע, פאַרפּייניקטע פון הונגער, דאָס אומגעבראַכטע פאָלק. ס'איז שטיל אַרום, נאָר אַ ווייגעשריי רייסט זיך פון קעל, רייסט אויף דאָס שווייגעניש. בלויז די פייגל, וואָס קרייזן אַרום די שיטערע קוסטעס, פאַרנעמען אפשר דעם ווירוף. אָט דאָ ניט וויט, מיטן האַנט צו דערלאַנגען, איז דאָך די גאַס. די גאַס ווו מיר האָבן געוווינט. אין געציילטע רגעס זענען מיר אויף דער גאַס. איז עס די גאַס? איז עס טשיסטע־גאַס? איך דערקען זי ניט. 5–6 הייזער זענען געבליבן. די גאַס איז אָפּגעשניטן, פאַרקירצט, קליין און איינגעפאַלן. אָבער דאָס זענען דאָך די הייזער. דאָ האָט געוווינט... און דאָ איז געווען די קראָם פון... און דאָס איז דאס הויז פון טשסיטע 12.

אומגלייבלעך. אָבער יאָ. דאָס איז דאָס הויז, אַ דריי־שטאָקיק געמויערט הויז. דאָ איז דער באַלקאָן פון אונדזער שכן, יודל פלאַץ האָט ער געהייסן. איך גיי אַרויף אויפן הויף. אָט זענען די פענצטער פון דער דירה ווו מיר האָבן געוווינט. איך דערקאָן זיי, ביי דעם פענצטער פלעגט זיצן מיין מאַמע, לייענען און שרייבן בריוו, און דאָס איז דאָס פענצטער פון דעם צימער, מיין צימער... איך קלאַפּ אָן אין טיר, עס עפנט אונדז אַ יונגע קריסטין, איך דערקלער איר מיט אַ טרער אין קול, – אַז דאָ האָבן געוווינט מיינע עלטערן, אַז פון אָט דעם צימער בין איך אַרויס מיט 47 יאָר צוריק.

דאָס הויז איז אַלט, אָפּגעלאָזן. אַלץ איז פאַרוואָרלאָזט, ווי ניט קיין לעבעדיקע וואָלטן דאָ געווען. – אָבער די דירה איז באַוווינט פון צוויי קריסטלעכע פאַמיליעס.

מיר גייען צוריק אַרויס אויף דער גאַס. איך פּרוו אויפלעבן אין דמיון – ווי ס'האָט אויסגעזען די גאַס. אַ לעבעדיקע גאַס: דאָ האָבן געוווינט צענדליקער יידישע משפחות. איצט איז דאָ ליידיק. מיר קוקן אויף די עטלעכע הייזער, וואָס זענען געבליבן. איך רעד אויפן קול: דאָ האָט געוווינט... דאָ איז געווען דאָס הויז פון...

אַנטקעגן אונדז, אָפּגערוקט, באַווייזט זיך אַן עלטערער קריסט. ער באַטראַכט אונדז.

"אמת, – פרעג איך אים, – אַז אָט דאָס הויז האָט געהערט צו סאַדאָווסקין?"

יאָ, – ענטפערט ער ביי זיך. – ער דערנעטערט זיך צו אונדז און פרעגט מיך:

"און ווער זענט איר?"

עס איז מיר שווער צו רעדן, איך קאָן אים ניט ענטפערן, לאָז איך זיין פראַגע פאַרביי און זאָג אים:

"ביי די סאַדאָווסקיס איז געווען אַ זון, יוזעף האָט ער געהייסן"...
"איך בין יוזעף" - ענטפערט ער.
איך זאָג אים מיין פאַמיליע.
זיין היסטעריש געוויין גייט מיר נאָך ביז איצט... ער האָט מיך איינגעקלאַמערט אין זיינע אָרעמס און מיך ניט אָפגעלאָזט. מיך געקושט. יאָ, ער געדענקט מיין טאַטע־מאַמע, מיינע שוועסטער. זיין געוויין איז געווען ווי אַן אויסבראָך פון אַן אַלטן, פאַרלאָזענעם, פאַרשאָטענעם ברונעם. - מיין פרוי, שמעון באַרטנאָווסקי, דער קריסטלעכער שאָפער האָבן צוקוקנדיק אָט די סצענע ניט געקאָנט איינהאַלטן די טרערן. יוזעף סאַדאָווסקי האָט מיך געפירט איבער דער חושכדיקער, פאַרשניטענער גאַס און מיר דערציילט ווי אַזוי מ'האָט אַרויסגעפירט די משפחות, וואָס איך האָב געקענט... געווען שכנים, קרובים, געווען דאָ חברים פון מיינע יוגנט־יאָרן.
ווען מיר זענען אָפגעפאָרן האָבן מיר געזען ווי אָט דער יוזעף האַלט זיך קוים אָן ביי אַ פּלויט... ער איז געשטאַנען ווי איינגעבראָכן, - הײנט פעלן אים די יידן, וועלכע ער האָט אַ מאָל אַזוי פיינט געהאַט.
מיר זענען געפאָרן איבער די גאַסן פון ביאַליסטאָק. ניין, די יידישע גאַסן זענען נישטאָ מער. זיי זענען חרוב געוואָרן. אַנדערע גאַסן, אַנדערע סקווערן זענען אויפגעקומען.
באַרטנאָווסקי האָט מיך צונויפגעפירט - ווי איך האָב עס אים געבעטן - מיט נאָך עטלעכע יידן. צוויי יידן. אַ שוסטער אויף דער אַמאָליקער מלינאָווע־גאַס, זיין שוסטער־וואַרשטאַט צוזאַמען מיט זיין וווינפּלאַץ איז אין אַ געוועזענעם חסידים־שטיבל. און נאָך אַ ייד האָב איך באַגעגנט, אַ פּענסיאָנער, וואָס לעבט דאָ מיט זיין ניט־יידישער פרוי. אַ טראַגישע עלנט און אַ הוילקייט האָט געווייעט פון זיי. אָט די צוויי יידן האָבן מיר אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געקומען פון אַן אַנדער וועלט, פון אַן אַנדער פּלאַנעט.
ניט אַלץ וואָס איך האָב געזען, געפילט, איבערגעלעבט בין איך מסוגל צו דערציילן. עס איז צו פיל פאַרקלעמט אין מיר. אָבער וועגן נאָך איין באַגעגעניש וואָס האָט מיך צערודערט, מוז איך איבערגעבן. געווען איז עס אַ באַגעגעניש מיט מצבות, ריכטיקער: מיט שפּליטערס פון אַ מצבה.
פאַרן אָפּפאָרן פון ביאַליסטאָק האָט מען אונדז אַוועקגעפירט צו דער פאָרשטאָט "וויגאָדע", אַן אַלטע פאָרשטאָט מיט אַ סך נייע, שיין געבויטע הייזער. ביים ראַנד פון דעם געגנט געפינט זיך אַ ניט לאַנג פאַרלייגטער קריסטלעכער בית־הקברות. זעט אויס, אַז אויך עטלעכע, פאַר די לעצטע יאָרן פאַרשטאָרבענע יידן, זענען דאָ באַערדיקט. ס'איז שטיל און רויק אויפן צמענטאַזש, ווי אויף אַלע בתי־הקברות אין גאַר דער וועלט. אָבער ניין, דאָ איז עפּעס פאַראַן, וואָס שרייט און מאָנט: אָן אַ זייט, ביים אַריינגאַנג צום בית־הקברות, ליגן איינס אויף דאָס אַנדערע זעקס גרויסע, שוואַרצע מירמלנע פּלאַטן.
איך קוק זיך אום, פון די פּלאַטן, פון די צעשפּאָלטענע, צעשניטענע עמודים רעדן אַראָפּ יידישע אותיות, יידישע נעמען, העברעישע ווערטער, און זיי, ווי זיי וואָלטן גערופן צו אונדז, געפאָדערט: נעמט אונדז אַרויס פון אָט דער פאַרשעמונג.
שמעון באַרטנאָווסקי דערציילט אונדז נאָך אַ טראַגישע, אויפשוידערנדיקע פּאַסירונג, שוין פון נאָך דער מלחמה. אָט די פּלאַטן זענען פון דעם גרויסן מאָנומענט, וואָס איז געווען אויפן מאַסן־קבר פון די פּאָגראָם־הרוגים. דעם פּאָגראָם, וואָס עס האָבן דורכגעפירט די צאַרישע מאָנסטערס, במשך דריי טעג, איבער דער יידישער

באַפעלקערונג אין ביאַליסטאָק. געווען איז עס אין חודש יוני 1906. 80 הרוגים און מער ווי 200 שווער פאַרוואונדעטע זענען געווען די קרבנות פון אָט דער טייוולאָנישער צאַרישער סאַטראַפּיע. דער פּאָגראָם האָט דעמאָלט אויפגערודערט די וועלט, די רישעותדיקע וועלט איז אָבער בעסער ניט געוואָרן.

יאָרן נאָך יאָרן איז דער מעכטיקער מאָנומענט געשטאַנען אויף דעם ברודער־קבר אויפן בית־עלמין אין באַגנאָווקע.

מיט אַ שטיקל צייט צוריק האָבן פּאָליאַקן צעהאַקט, צעשטערט דעם מאָנומענט. זיך געוואָלט באַנוצן מיט די מירמל־פּלאַטעס פאַר זייער הויזגעברויך. זעקס טיילן האָט מען אָפּגעראַטעוועט פון די כוליגאַנישע גויישע הענט. ליגן זיי איצט אין אַ ווינקל אויפן נייעם צמענטאַזש און שרייען אַראָפּ אין זייער שטומקייט, און מיר לייענען אות באות, נעמען, נעמען פון די דערמאָרדעטע, און עס הילכן די שפּליטערס פון ווערטער, פון דער מעכטיקער עפּיטאַפיע, וואָס דער דעמאָלט יונגער, אויפגייענדיקער משורר זלמן שינאור האָט ספּעציעל פאַרפאַסט. - אַ פּאָעמע אויפן יידישן גורל און יידישן זיין - ווו ער זאָגט צום סוף:

חזק ועמוד ציון אבל, היה כחלמיש<br>
ובהמיר מדינות מקומך אל תמוש

דער דיכטער און מלומד, מיין לערער פון העברעיש, א. ל. פּאַיאַנס, האָט איבערגעזעצט די עפּיטאַפיע אין יידיש:

"שטיי שטאַרק און פעסט, דו טרויערזייל<br>
און זיי ווי מירמלשטיין.<br>
אין ענדער פון די לענדער־פעלקער - זאָלסט פון אָרט ניט גיין!

וואָס פאַר אַ קאָשמאַרע, מאַומדיקע וואָר: "זאָלסט פון אָרט ניט גיין".

די פאַרוואַלטונג פון בית־הקברות פאַרלאַנגט מען זאָל וואָס גיכער אָט די מצבה־טיילן אַוועקנעמען. זיי קאָנען דאָך ניט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם...

* * *

ביאַליסטאָק, מיין געוועזענע היימשטאָט - איז היינט אַ גרויסע, רוסישקע שטאָט. איר באַפעלקערונג איז פינף מאָל גרעסער ווי פאַר דער מלחמה. איר שטח האָט זיך אויסגעשפּרייט, ווייט אַוועק און איז פאַרבויט מיט נייע בנינים. נאָר קיין יידן זענען נישטאָ, נישטאָ...

דער קאַרשנבוים אויף אונדזער הויף איז אויך נישטאָ. און קיין יידישע קינדער שפּילן זיך ניט מער אַרום בוים.

---

אַבאָנירט און שטיצט

## חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די מערב־שטאַטן פון אַמעריקע

מ. אייזענבוד / מעלבורן

## פאַרבעטונג
### (קאַפּיטל פון דער נאָוועלע: "פנינה")

נאָכן לעצטן אָוונט מיט פנינהן האָט זיך ליפע געפילט אַ ביסל ניט באַקוועם. עפעס אַ יינגלערשיע שעמעוודיקייט האָט אים אַרומגעכאַפּט צוליב דער נישט זיכערקייט, ווי אַזוי פנינה האָט אויפגענומען זייער לעצטן שמועס.

האָט ער זיך ריכטיק אויסגעדריקט? האָט זי אים ריכטיק פאַרשטאַנען? אפשר איז ער געווען איבערגעיילט. זיי האָבן קיינמאָל נישט גערעדט וועגן פערזענלעכע געפילן.

- פאַרפאַלן - האָט ער אַ זאָג געטאָן - צוריקציען קאָן מען עס נישט. לאָמיר עס איבערלאָזן דערוויל. ס'וועט נאָך מסתמא אויסקומען זיך צוריקקערן צו דעם.

צופרידן דערפון, וואָס קיין לעקציעס אין אולפן זענען היינט נישט פאָרגעקומען, וועט ער פאַרשפּאָרן זיך מיט איר באַגעגענען, כאָטש אין אולפן איז ער געווען אַ שילער פונקט ווי אַנדערע אָן פריווילעגעס. נאָר ווייל ער איז שוין דאָ כמעט ווי אַ יאָר, האָט ער זיך געקאָנט דערלויבן צו זיין מיט דער לערערין אַביסל פרייער ווי די נאָר וואָס אָנגעקומענע.

געפונען האָט זי אים בייטאָג, אין חדר אכל. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף איר שלום, און נישט געוווסט וואָס צו זאָגן. זי האָט אפנים אָפּגעפילט זיין אומבאַהאָלפנקייט פון אַ חדר־ייִנגל, און אַ שמייכל געטאָן.

- האָסט אַראָפּגעשלונגען אַ לעפל זאַלץ? - האָט זי שפּאַסיק אַ פרעג געטאָן, כדי אים אויפצוהייטערן.

- אַז דו האָסט אַראָפּגשלונגען די גאַנצע זון, איז פאַר מיר בלויז געבליבן דער וואָלקן...

לייב באַראָוויק / ניו־יאָרק

## ווו ב׳קער זיך נאָר און ווענד

ווו ב׳קער זיך נאָר און ווענד
איך זע ווי אויף דער וואָר
דעם לאַגער ווו פאַרלענדט
געוואָרן איז מיין דור.
מיין טייערער. ס'איז צו
מיין צער קיין שיעור ניטאָ.

אין חלום כ'הער די שטים
פון מיין איין־איינציקער:
"איך פיל דיין לייד דיין וויי,
כאָטש ס'איז פון דיין געביין
קיין שפור ניטאָ שוין מער.

ניט גלייב, אַז כ'בין צעשיידט
פון דיר באַשעטער מיין." ---
אין שעה ווען ס'איז, אַ פריינד,
ניט ניחא מיר די שיין,
כפאַרנעם, אַ בת־קול רופט:
"דיין שליחות בלייב געטריי

ביז וואַנען קריגן וועסט
פאַראבלטער, דיין רו".
מיט אַלע פיבערן
פון מיין נשמה כ'טו
געהערן צי מיין שטאַם
וואָס אויסגעגאַן אין פלאַם.

- איז גוט וואָס מען הערט פון דיר אַ וואָרט. קום עסן - האָט זי אַ זאָג געטאָן אָן צערעמאָניעס - איך האָב צו דיר אַ שליחות...

ליפּע האָט אַ כאַפּ געטאָן די טאַץ און זיך געמאַכט ווי ער וואָלט עפּעס אַנדערש נישט געהאַט אין זינען, ווי בלויז די אכילה. (זשראַניאָ - האָט ער צו זיך אַ זאָג געטאָן, אויפן אלטן שטייגער) כדי צו פאַרשפּאָרן עפּעס צו פרעגן.

די סודותדיקייט, איר שמייכל האָט אויף עפּעס אָנגעדייט, און כאָטש אים האָט זיך זייער געוואָלט וויסן וואָס מיינט דאָס אַלץ, האָט ער דעם ענטפער אין געדאַנק אָפּגעשטופּט.

ער וועט זי ניט ציען ביים צונג. וואָס פאַראַ שליחות האָט זי צו אים? עס האָט געקלונגען אי אינטים און אי אָפיציעל.

ביים טיש זענען זיי געזעסן צוזאַמען און אים האָט זיך זייער געוואָלט זי אָנקוקן, אָט אַזוי פריי און אָפן און אָן שום הינטער-כוונות. ער האָט נאָכאַמאָל געוואָלט זען דעם זוניקן פרימאָרגן וואָס האָט אויפגעשיינט אויף איר פּנים. נאָר ער האָט זיך נישט געטרויט. ער האָט געוווסט: אין אָוונט וועט ער אָנשרייבן אַ ליד וועגן דעם. אַנטקעגן איר האָט ער זיך געפילט אַלט און אָפּגעלעבט.

פנינה האָט זיך ניט געיילט אים צו לאָזן וויסן איר שליחות. מיטן אַ גאָפּל האָט זי אַ מיש געטאָן אין דעם עסן, וועלכן זי האָט אַריינגעלייגט אין טעלער, פאַרזוכט פון דעם, פון יענעם. ווען ליפּע וואָלט געהאַט די דרייסטקייט צו אָבסערווירן איר, וואָלט ער געוויס געקומען צום אויספיר, אַז זי איז ניט באַגייסטערט פון די שפּייז. זי טוט עס בלויז מיטן מיין כדי זיך מיט עפּעס צו פאַרנעמען

- איז דיר גאָרניט טשעקאַווע צו וויסן, וואָס פאַראַ מין שליחות דאָס איז? - האָט זי שעלמיש אַ פרעג געטאָן.

- אַז דו האָסט פאַרגעניגן מיר אַרויסצוציען די נשמה - האָט ליפּע נאָך אַלץ ניט אויפגעהויבן די אויגן פון טעלער. זי האָט זיך געפילט ווי אַ דערוואַקסענער, וואָס מאַכט שפּאַס פון אַ קינד.

- אדרבה, טרעף!

- די שליחות איז ניט קיין האָז און וועט אין וואַלד ניט אַנטלויפן - האָט ער זיך דערמאָנט אַן אַלטן זאָג.

- און וואָס פאַראַ באַשעפעניש איז אַ האָז? איך האָב עס קיינמאָל ניט געזען.

- וואָס אַ קעניגל איז, ווייסטו? אַ קעניגל האָדעוועט מען. אַ האָז איז ווי אַ קעניגל. ער איז בלויז גרעסער, פלינקער און לעבט ווילד אין וואַלד.

- גוט - מאַכט פנינה - עפּעס פאַרשטיי איך שוין. איך האָב צו דיר אַ שליחות פון מיין אבא. ער וויל דיך זען נאָך דער אַרבעט, אויב דו האָסט צייט, נאַטירלעך.

ווען ליפּע האָט אויף איר אויפגעהויבן אַ פּאָר פרעגנדיקע אויגן און פון איבעראַשונג אַרויסגעלאָזט דעם גאָפּל פון האַנט, האָט זי צוגעגעבן: - דאָס איז ניט קיין מוז. דאָס איז בלויז אַ פריינדלעכע פאַרבעטונג

שוין? עס האַלט שוין אַזוי ווייט? זי האָט, הייסט עס, לאַנג ניט געוואַרט...

דאָס זענען געווען שטורעם-ווינט געדאַנקען דורכגעפלויגן אין אַ רגע.

באַהערשנדיק די אינערלעכע אויפרודערונג, האָט ער בלויז געקאָנט אַרויסברענגען איין וואָרט:

- גוט.

דערוואַרט האָט ער, אַז זי וועט אים נאָך עפּעס זאָגן, צוגרייטן אים. נאָר ווי אויף צולהכעיס האָט זי געשוויגן.

דער נאָכמיטאָג האָט זיך געצויגן ווי פּעך. ער האָט זיך פאַרגשטעלט די פראַגן און צוגעגרייט די ענטפערס. אים האָט פאַרדראָסן אויף זיך, צוליב זיין עקשנות, זיין געמאַכטער גלייכגילטיקייט. זי וואָלט געוויס אים געהאָלפן זיך צוגרייטן. וועט זי אויך זיין דערביי? אַלץ איז געשען אַזוי שנעל. אַן אומרו האָט אים אַרומגעכאַפּט.

קען ער ביי זיך אויף זיכער אָפּמאַכן, אַז ער וויל בלייבן אין קיבוץ? ער איז שוין דאָ באַלד אַ יאָר און נאָך אַלץ, הייסט עס, אויף דערווייל. יאָרן לאַנגע געבענקט נאָך אַ שטאָט, נאָך מענטשן. די רויקייט פון אַרום האָט אים געהאָלפן, אָבער סתם אַזוי, ווערן אַ דאָרפס-מענטש? אים האָט זיך געדאַכט, אַז צוליב פנינהן איז ער גרייט אַלץ אויפצוגעבן און אָנהייבן אויפסניי. זיי וועלן האָבן קינדער אין קיבוץ. ער וועט ווערן אַ בוים וואָס האָט געלאָזט וואָרצלען און וועט שוין דאָ בלייבן.

מיט וואָס זשע איז ער בעסער פון אַנדערע, וועלכע לעבן שוין דאָ אַ סך יאָרן? נו, זיי האָט אַהער געבראַכט אַן אידעע, צוליב אַן אידעע איז אפשר כדי. אָבער אַלץ וואָס עס האַלט אים דאָ, איז אַ מיידל. און אויב צווישן זיי וועט דורכלויפן אַ שוואַרצע קאַץ, וועט ער ניט זיין דאָ און ניט דאָרטן...

היינט, הייסט עס, וועט ער זיך דאַרפן אַנטשליסן און ניט דרייען מיטן צונג. וועט ער זאָגן יאָ, און איר פאָטער וועט מסכים זיין - איז גוט. אויב ניין - דאַרף ער זיך שוין צומאַרגנס איינפּאַקן און פאָרן אין שטאָט אַריין, זוכן אַ ווינקל. וואָלט כאָטש פנינה געווען נעבן אים, וואָלט אים לייכטער געווען זיך צו אַנטשליסן.

היינט דאַרף ער נעמען דעם גורל אין די אייגענע הענט. קיינער קאָן עס פאַר אים ניט טאָן.

געדאַרפט אפשר אַריבערפאָרן אין שטאָט און זיך זען מיט שעווען - פליט אים אַדורך אַ געדאַנק. וואָלט דאָס אים לייכטער געמאַכט זיך צו אַנטשליסן? דאָס ווייס ער שוין ניט.

אין אָוונט איז ער אַוועק צו דער באַגעגעניש מיט פנינהס פאָטער. ניט דרייסט אָנגעקלאַפּט און אַריין אין צימער.

פאַר אים איז געזעסן אַ מענטש מיט אַ פאַרהאַרטעוועטן, פון זון צעברענטן פנים. אַ גרוילעכער קאָפּ האָר און טונקעלע אויגן אין וועלכע עס האָט געשפּילט אַ וואַרעמער בליק.

ווי ביי פנינהן - האָט ער ניט פאַרפעלט צו באַמערקן.

פנינהס פאָטער, וועלכן מען האָט אין קיבוץ גערופן מיט זיין אַלטן פאַרטיי נאָמען - ליאָווא, האָט אים דערלאַנגט אַ שלום עליכם און געבעטן זיצן. אין צימר איז אויך געווען פנינה.

סיי ער און סיי פנינה זענען געוואָרן איבעראַשט: ליאָוואַ האָט גערעדט יידיש. פּאַוואָליע האָט זיך פאַרצויגן אַ שמועס. ליאָוואַ האָט געוואָלט וויסן מער פרטים וועגן ליפעס היים, זיין בילדונג, זיינע מלחמה-איבערלעבונגען.

ער פרעגט מיך אויס ווי אַ ריכטיקער מחותן -האָט ליפע אַ קלער געטאָן, הגם ער איז נאָך קיינמאָל פריער ניט געגאַנגען אָנקוקן אַ כלה...

ליאָוואַ האָט געשטעלט צום טיש אַ פלעשל און מכבד געווען דעם גאַסט.

- לחיים!

– לחיים!

ליפּעס נערוועזע אָנגעשטרענגטקייט האָט נאָכגעלאָזן. ליפּע האָט זיך דערפילט צווישן היימישע מענטשן. פנינה האָט זיך מיט קיין וואָרט ניט אָנגערופן. מיט נייגעריקייט האָט זי נאָכגעפאָלגט דעם שמועס, כאָטש זי האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס די צוויי מענער רעדן צווישן זיך.

די צייט האָט זיך גערוקט, און ליפּע האָט נאָך אַלץ געוואַרט.

ענדלעך איז ליאָווע געקומען צום ענין, טאַקע וועגן וועלכן ער האָט פאַרבעטן ליפּען.

– ביזט שוין באַלד אַ יאָר אין קיבוץ און דו זעסט ווי מיר לעבן דאָ, און מיט וואָס מיר אָטעמען, כ'מיין, די פּאָליטישע לופט. – ער האָט זיך באַמיט עס צו מאַכן אַזוי קלאָר, ווי מעגלעך.

– מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט זיך אַ חבר אומגעקערט פון פּאַריז און מיטגעבראַכט עטלעכע רוסישע ביכער פון סאָלזשעניצינען. האָסט אוודאי געלייענט וועגן אים. ער איז היינט זייער פּאָפּולער און קאָנטראָווערסאַל. מיר האָבן נאָך עטלעכע חברים, וועלכע געדענקען נאָך רוסיש, כאָטש ווי זיי זאָגן – קומט עס שוין אָן שווער צו צעקייען. אַזוי פיל יאָרן ניט גענוצט. פאַר שטייסט? – ליפּע האָט פאַרשטאַנען.

– דעם אמת געזאָגט – מיר אַלע ווילן וויסן גענוי וועגן וואָס ער שרייבט, אָבער קיינער פון אונדז איז ניט גרייט צו נעמען אַ שטעלונג, ניט צו זיין שרייבן, ניט צו זיינע פּאָליטישע מיינונגען, און אוודאי ניט צו דער פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע דער מערב פירט, אויסנוצנדיק אים. מעגלעך, אַז די רעאַקציאָנערן האָבן געפּאַקט א גוטן העכט – האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שמייכל. – לאָמיר דיר זאָגן, און דו מעגסט עס וויסן: נאָך כרושטשאָווס רעדע וועגן סטאַלינס פאַרברעכנס, איז ביי אונדז דאָ אַן אומקלאָרע נערוועזיטעט. דו, אָבער, ביזט כמעט אַ דרויסנדיקער, כ'מיין, דו ביזט נאָך אַלץ ניט קיין אָפיציעלער חבר פון קיבוץ.

עס האָט געקלונגען ווי אַן אויפקלערונג אָבער גלייכצייטיק אויך ווי אַ פאַרענטפערונג. – כ'מיין – אַז דו פאַרשטייסט מיך.

ליפּע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, – א סימן, אַז ער האָט פאַרשטאַנען...

– דו, הייסט עס – האָט לאָווא אָנגעהאַלטן זיין חברישן טאָן. כאָטש אַליין האָט ער פאַרנומען אַ וויכטיקן אַמט אין דער קיבוץ־אָנפירונג. – א בחור ווי דו, קומסט פון ראַטנפאַרבאַנד, איז דיר די טעמע און די מענטשן אויך נענטער. דער עיקר טאַקע – דו קאָנסט זיך דערלויבן צו זאָגן ווי דו פילסט און ווי אַזוי דאָס שרייבן ווירקט אויף דיר. כ'מיין – דאַרפסט זיך ריכטן אויף פראַגן; אויף אַ דיסקוסיע. חברים זענען ניט גרייט אויפצוגעבן לאַנג־יאָריקע איבערצייגונגען אָן אַ קאַמף...

– נאָר דאָס האָט ער שוין געזאָגט אין עברית, כדי פנינה זאָל בעסער באַנעמען, כאָטש אויך אָן דעם האָט זי געוווּסט, וועל עס איז וואָס אין דער קיבוץ משפּחה.

– פנינה זאָגט מיר, אַז דו שרייבסט לידער, צומאָל אַן עסיי.

אַהאַ – טראַכט ליפּע – הייסט עס, אַז איר ביידע האָט שוין געשמועסט וועגן מיר, און אַצינד וועלן קומען די ריכטיקע פראַגן. ער איז געוועזן גרייט און דערפאַר גאַנץ רויק.

– איז די מעשה אַזאַ – מיר וועלן דיר אָנטרויען די ביכער און דו, ברודערקע, פאַרקאַטשע די אַרבל און גרייט צו אַ רעפעראַט אי וועגן סאָלזשעניצינען און אי וועגן זיינע ביכער.

נישט זייערנדיק זיכער, אַז דאָס איז אַלץ וואָס מען וויל פון אים, האָט ער ליאָוואַן

אָנגעקוקט אַביסל זייטיק און אַ פרעג געטאָן:

– אין יידיש?

– יאָ, קאָנסט רעדן יידיש, אַביסל רוסיש אויב עס איז נויטיק. אויב עס זענען דאָ גאָר וויכטיקע ענינים צו באַרירן אין עברית, וועלן מיר דיר אַרויסהעלפן. ווי מיינסטו פנינה?

פנינה האָט צוגעשטימט.

ביי זיך האָט ליאָווּאַ אַ טראַכט געטאָן: יידיש איז אַ גוטער תירוץ. נו, ליפּע קאָן ניט קיין עברית און דערווייל איז גלייכער, אַז אונדזערע קינדער זאָלן וואָס ווייניקער וויסן. אַז די צייט וועט קומען, וועלן מיר עס אַליין זיי ווי געהעריק איבערגעבן.

ניט ליפּע און ניט פנינה האָבן זיך ניט אָנגעשטויסן פאַרוואָס ליאָוואַ האָט צווישן אַלעמען דווקא אויסגעקליבן ליפּען. פנינה האָט געהאַט דאָס געפיל פון אינערלעכער באַפרידיקונג צוליב איר פאָטערס באַשלוס. אין אירע געדאַנקען האָט זי ליפּען שוין אָנגערופן: מיין בחור...

צו זיך אין צימער האָט ליפּע מיטגענומען אויסער צוויי ביכער און עטלעכע רוסישע צייטונגען, אויך אַ געפיל, וועלכן ער האָט ניט געקאָנט באַצייכענען.

אנטוישט אין די דערוואַרטונגען? צופרידן וואָס ער האָט ניט געדאַרפט אָננעמען אַ באַשלוס?

ער האָט זיך אַליין געשראָקן צו שטיין פנים אל פנים מיט אַ דעציזיע וועגן זיין ווייטערדיקן לעבן. דער וואַלד־אינסטינקט האָט שוין דאָ גאָרניט געקאָנט אַרויסהעלפן, כדי צו וויסן וועלכן וועג אויסצוקלייבן דאָ דאַרף מען שוין האָבן אַנדערע דערפאַרונגען, און אַזעלכע האָט ליפּע נאָך ניט געהאַט.

– וועט ער אין אַ חודש צייט פּאַרטיק ווערן. – האָט פנינה אויפן וועג געפרעגט.

איך גלויב אַז יאָ.

דער רעפּעראַט וועגן סאָלזשעניצינען האָט אים אויסגעזען ווי די לייזונג פון זיין פּראָבלעם וואָס וועט זיך פון זיך אַליין אַנטשיידן:

וועט דער קיבוץ וועלן אים אָננעמען פאַר אַ חבר אָדער ניט? דאַן וועט קלאָר ווערן ווו ער האַלט אין דער וועלט.

ליפּע האָט געגרייט דעם רעפּעראַט ווי אַן אַרבעט, וועלכע ער דאַרף ביילייגן פאַר אַן עקזאַמין.

---

## מאיר יעלין און יחיאל שרייבמאַן – לאַורעאַטן פון דער זלמן רייזען־פּרעמיע

די פונדאַציע פאַר יידישער שפּראַכקולטור א"נ בנימין שעכטער האָט צוגעטיילט די "בעלי־לשון־פּרעמיע א"נ זלמן רייזען" די צוויי באַוווסטע פּראָזע־שרייבערס מ א י ר י ע ל י ן (טבעון, ישראל) און י ח י א ל ש ר י י ב מ אַ ן (קעשענעוו). די ביידע לאַורעאַטן צייכענען זיך אויס מיט אַ רייך און יאָדערדיק לשון, ווי אויך מיט אַ פּאָזיטיווער באַציונג צום ווייטערדיקן וווּקס פון דער יידישע שפּראַך.

יחזקאל קאַמעראַז

# דער אָנהייב פון אַ פּיינפולן וועג

דער מחבר פון די ווייטער געבראַכטע פאַרצייכענונגען שטאַמט פון אַן אָרעמער משפּחה מיט אַכט קינדער, וואָס האָט געלעבט אין ווילנער געגנט. יונגערהייט איז ער געקומען אַרבעטן קיין ווילנע און דאָרט באַהערשט געוואָרן פון די קאָמוניסטישע אידעען, שפּעטער אַוועק אין "פּראָלעטאַרישן פאָטערלאַנד", שטודירט און געוואָרן פּראָפעסאָר אין אַ מאָסקווער אוניווערסיטעט. אין 1937־טן יאָר איז ער, צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע פּאַרטיי־מיטגלידער געפאַלן אַ קרבן פון די סטאַליניסטישע "רייניקונגען" און אָפּגעפּיינצטערט יאָרן לאַנג אין די סטאַליניסטישע תפיסות און לאַגערן נאָך דער מלחמה איז ער צוריקגעקומען קיין פּוילן און אַ געוויסע צייט געווען אַקטיוו אין צענטראַל קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן.

יחזקאל קאַמעראַזס פאַרצייכענונגען זענען געפונען געוואָרן אין יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע און מיר האָבן זיי באַקומען דורך זיין טאָכטער רעמע (קאַמעראַז) בראַון, וועלכע לעבט איצט אין אויסטראַליע. מיר ברענגען דאָ אייניקע פראַגמענטן, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר יענע טראַגישע צייטן, דער "מגפה - ווי עס שרייבט דער מחבר - וואָס האָט אָנגעהאַלטן מער ווי אַ פערטל יאָרהונדערט", רעמען דריקן מיר אויס אויף דעם וועג אַ דאַנק פאַר אויפהיטן און איבערשיקן אונדז איר פאָטערס זכרונות.

די רעדאַקציע

## מיין אַרעסט

אַ גאַנצן טאָג האָב איך נישט געפונען קיין רו. נישט אויסגעשלאָסן, אַז אויף די לעקציעס און באַזונדערס בעת די עקזאַמענס האָב איך נישט ווייניק נאַרישקייטן אַרויסגעזאָגט, אָדער סתם נישט געהערט צו דער זאַך. די עקזאַמענס האָבן מיר פאַרנומען זייער אַ סך צייט. כ'בין געווען געצוווּנגען אויפצונעמען עקזאַמענס פון גאַנצע פיר קענגשטינדן בעת איך פלעג געבן לעקציס בלויז פון צוויי - היסטאָרישן און דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם. אַ סך צייט האָט מיר אויך פאַרנומען די אַדמיניסטראַטיווע אַרבעט ווייל קיין נייעם לייטער פון דער קאַטעדרע פאַר הומאַניסטישע וויסנשאַפטן האָט מען נישט באַשטימט. ביז זיין אַרעסט האָט מיט דער קאַטעדרע אָנגעפירט דער באַוווסטער פּאָליטישער טוער טאָמאַש דאָמבאַל. איך בין געווען זיין פאַרטרעטער, באַזונדערס אין פראַגן פון פילאָסאָפיע.

די לאַגע איז געווען אַזאַ, אַז פון העכער זיבעציק פּראָפעסאָרן, אַסיסטענטן און דאָצענטן אין דער קאַטעדרע פאַר הומאַניסטישע וויסנשאַפטן, איז געבליבן אַ קאַרגער צענדליק. די איבעריקע האָט געהאַט פאַרשלונגען די מגפה - אַזוי האָט מען שטילערהייט גערופן די רייניקונגס־אַקציע אין 1937־טן יאָר.

די עקזאַמענס האָט מען נישט געקאָנט בשום אופן פאַרציען, ווייל די סטודענטן האָבן באַקומען זייערע סטיפּענדיעס נאָר אויפן סמך פון די אָפּגעגעבענע עקזאַמענס, און די הייך פון דער סטיפּענדיע איז אין אַ סך פאַלן געווען אָפּהענגיק פון דער אָפּשאַצונג

פונעם פּראָפעסאָר. דערביי איז אונדזער אינסטיטוט פאַר עלעקטריפיצירן און מעכאַניזירן די לאַנדווירטשאַפט געווען אַן אָפּטייל פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַקאַדעמיע א.ג. פון טעמיריאַזעוו, און דער ווייט גרעסטער טייל סטודענטן איז געקומען אַהער פון גאַנצן לאַנד און מיר האָבן זיי פאַרהאַלטן און געשטערט די וואַקאַציעס. נאָר קיין אויסוועג איז נישט געווען. די געבליבענע לערער האָבן געאַרבעט ביז זעכצן און מער שעהען אין מעת־לעת. אַכט־ניין לערערס זענען נישט געווען אינשטאַנד צו טאָן די אַרבעט וואָס דאַרף געוויינטלעך אויסגעפירט ווערן דורך פערציק מענטשן. די בעסטע לערער זענען שוין זינט עטלעכע חדשים געווען אַרעסטירט און ביי די געבליבענע איז שטאַרק געפאַלן די אינטענסיווקייט. מיר האָבן זיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון פאַרלוירנקייט. יעדער טאָג האָט געבראַכט נייע קרבנות.

אויב ביי די ערשטע קרבנות האָט מען נאָך געזוכט אַ לאָגישע פאַרענטפערונג, האָט מען ביי די ווייטערדיקע קיין פאַרענטפערונג שוין נישט געזוכט. עס איז אינגאַנצן פאַרסמט געוואָרן דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן. דער נישט נאָרמאַלער, אַלמעכטיקער חשד איז אויך געפאַלן אויף די נאָענטסטע מענטשן. וואָס נאָענטער, אַלץ מער חשד. לסוף איז דער חשד אויף אַנדערע נישט באַמערקטערהייט געפאַלן אויף זיך אַליין. מען האָט גענומען בלעטערן דאָס אייגענע לעבנסבוך און זיך אָפּשטעלן אויף יעדער קלייניקייט, חושד זיין זיך גופא אין נישט ערלעכע געדאַנקען, דערמאָנען געשעענישן אין לעבן ווען מ'האָט געקאָנט האַנדלען אַנדערש. אַזאַ לאַגע האָט געצווונגען דעם מענטשן צו טראַכטן נאָר וועגן זיך אַליין, וועגן אייגענעם גורל וואָס ווערט באַשטימט דורך עמיצן ערגעץ גאָר ווייט...

האָט טאַקע די אַרבעט פון די עקזאַמיניר־סעסיעס נישט געהאַט קיין שום ווערט. דער פּראָפעסאָר האָט געוויינטלעך נישט געהערט וואָס דער סטודענט רעדט, און דער סטודענט, זעענדיק, אַז דער פּראָפעסאָר איז נישט מיט זיך, איז געוואָרן חוצפּהדיק, געזאָגט זאַכן נישט געשטויגן נישט געפלויגן. מיט אַזעלכע קענטיעניש וואָלט אַ סטודענט נישט געוואָגט קומען צו אַן עקזאַמען, און דאָ איז ער געקומען ווי אַ העלד, באַזונדערס, אַז סיי דער פּראָפעסאָר און סיי דער סטודענט זענען פאַרציטערט געוואָרן ביי יעדן סקריפּ פון דער טיר...

אַזאַ איז דעמאָלט געווען די אַטמאָספער אין אינסטיטוט. אין שטוב איז אויך די לאַגע געווען אַן אָנגעשטרענגטע. מיין פרוי איז געווען אין שפּיטאָל, ווו זי האָט געבוירן אַ קינד, אַ מיידעלע. איך בין אין שפּיטאָל נישט געווען. כ'קאָן זיך נישט ווייזן צווישן מענטשן מיט מיין צעשטרייטקייט. און אָט קומט די צייט, איך מוז פאָרן אָפּנעמען די פרוי מיטן קינד. עס באַהערשט מיך אַ מאָדנע געפיל, גלייך ס'וואָלט זיך פאַר ב[illegible] געעפנט אַן אָפּגרונט, אָבער קיין שום זאַך קאָן נישט ענדערן מיין גורל. אומזיסט ד[illegible] ווערן זיך (און ווערן זיך האָט געהייסן - פאַרשווינדן, אַנטלויפן, באַהאַלטן זיך אויף שטיקל צייט, ווי לאַנג עס הערשט די מגפה. יעדער איז געווען איבערצייגט, אַז די מ[illegible] וועט זיך אינגיכן ענדיקן. צו פיל קרבנות! קיינעם האָט נישט געקאָנט איינפאַלן, אַז [illegible] מגפה וועט אָנהאַלטן, מיט אַ שטאַרקערן אָדער שוואַכערן פאַרנעם, מיט געוו[illegible] איבעררייסן, מער ווי אַ פערטל יאָרהונדערט).

מיט יעדער שעה בין איך געוואָרן מער אומרויק און האָב אויף יעדן ווינקעלע שטוב געקוקט מיט אַ געזעגענונגס־בליק. מער האָב איך אין שטוב נישט געקאָנט געפינען קיין אָרט און יעדע 15-20 מינוט בין איך אַרויס אין גאַס, גלייך איך וו[illegible]

וועלן אַריינעטעמען אין זיך וואָס מער לופט, וואָס מער לופט מיט זיך מיטנעמען אַהין, ווו זי וועט אויספעלן. און אַזוי איינגאַנצן אומזיניק האָב איך זיך אַרומגעדרייט אַרום אונדזער הויז (דער גרעסטער האָטעל אין מאָסקווע ביים טעאַטער-פּלאַץ). אַפילו דער וועכטער ביי דער טיר האָט באַמערקט מיין אָפפט אַריין און אַרויס גיין און געפרעגט וועגן דעם. כ'האָב געהאַט אַ תירוץ, אַז איך דאַרף באַגעגענען מיין פרוי און קינד פון שפּיטאָל. "אַן איבערגעגעבענער מאַן" - האָט ער יעדעס מאָל צוגעגעבן.

כ'האָב אָבער מער נישט געהערט, אָדער, בעסער געזאָגט, נישט געפילט גאָרנישט. ס'האָט זיך מיר בלויז געדאַכט, אַז יעדער אַרומיקער היט מיך, פאַרפאָלגט מיך און איך בין נישט אינשטאַנד פאָרן אין שפּיטאָל כדי דאָרט אָפּנעמען מיין פרוי און דאָס ניי געבוירענע קינד. עס איז שוין פינף אַזייגער, מ'קאָן מער נישט וואַרטן. האָב איך זיך דערמאָנט אין אונדזערס אַ גוטן פריינד, כאַנקין און בעט אים ער זאָל צופאָרן אין שפּיטאָל אַריין. ביי אים איז אויך דער צושטאַנד נישט קיין בעסערער, נאָר ער האָט שוין טיילוויז די צרה הינטער זיך. דער קאָמיטעט האָט אים געהאַט אַרויסגערופן און אים פאָרגעוואָרפן וואָס אין דער קאָרט... איז פאָרט ער אין שפּיטאָל און איך בלייב אין שטוב. צום קומען פון מיין פרוי און קינד פון שפּיטאָל האָב איך דערווייל אָנגעקויפנט גאָר אַ סך בלומען. דער גאַנצער קאָרידאָר, די שטוב, אַלץ איז אין בלומען.

ענדלעך איז מיין פרוי מיטן קינד אַהיים געקומען מיט כאַנקינען. מיין אויסזען האָט באַלד אויסגעזאָגט פאַרוואָס איך אַליין בין נישט געקומען. אַ פּאָר בליקן, און אַלץ איז געוואָרן קלאָר אָן ווערטער. כ'האָהב נאָך נישט באַוויזן זיי גוט איינצואָרדענען, אַוועקלייגן דאָס קינד און... מיר הערן אַ קלאַפּן אין מיר. זיי גייען!

אינטערעסאַנט, די גאַנצע צייט בין איך געווען אומרויק, דענערווירט, ערשט מיטן אַריינקומען פון די פאָרשטייער פון ג.פּ.או. מיך צו אַרעסטירן האָב איך זיך אינגאַנצן באַרויקט, גלייך כ'וואָלט אויף דעם געוואַרט און נישט געקאָנט זיך דערוואָרטן. די פאָרמאַליטעטן האָבן נישט לאַנג געדויערט. די רעוויזיע אַן ערך פינף שעה, פון זיבן ביז צוועלף ביינאַכט. הגם עס האָט גענומען אַזוי פיל צייט איז עס געווען מער אַ פאָרמאַליטעט. צי האָבן זיי עפּעס געפונען? יאָ, צוזאַמען מיט מיר האָבן זיי צוגענומען אַ "זאַכלעכן באַוויז" פון מיין קאָנטער-רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, דאָס בוך פון ברונאָ יאַשענסקי "דער מענטש בייט זיין הויט".

די געזעגענונג מיט דער פרוי און קינדער האָט לאַנג נישט געדרויערט. מען האָט מיך נישט געלאָזט צוגיין צו זיי. מיין גאַנץ פאַרמעגן איז געווען 30 רובל וואָס זענען געלעגן אויפן טיש. דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב געקאָנט איבערלאָזן פאַר מיין קראַנקער פרוי מיט צוויי קינדער - איינע זיבן יאָר אַלט, די צווייטע פינף טעג.

כ'מיין, אַז אַזאַ באַהאַנדלונג קאָן מען נישט אָנרופן ברוטאַל. די מענטשן זענען געווען פאַרמאַטערט, אויסגעשעפּט פון צו פיל אַרבעט. זיי האָבן מיך אַריינגעשטופּט אין דער מאַשין און מיך געבראַכט אין דער לוביאַנקע טורמע, אין דער צענטראַלער אָפּטיילונג פון דער ג.פּ.או.

מ'האָט געעפנט די טיר פון קאָרידאָר און מיך אַריינגעשטופּט אַהינצו. דאָס האָט מיר געגעבן אַ מעגלעכקייט צו געפינען פאַר זיך אַן אָרט. דער קאָרידאָר איז געווען נישט נאָר פול, עס איז ממש נישט געווען קיין אָרט אַ שפּילקע אַרייצוואַרפן. יעדער האָט דאָ שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער אָנהייב פון אַ לאַנגן וועג. דאָ איז שוין געווען קלאָר. אַז מען האָט דיך גענומען נישט אויפצוקלערן, נישט אויסצוקלאָרן געוויסע פּרטים, ווי

די אַגענטן האָבן פֿאַרזיכערט ביים אַרעסטירן. דאָ האָבן זיך באַגעגנט מענטשן, וועלכע האָבן זיך יאָרן לאַנג נישט געזען, באַקאַנטע פֿון אַלע עקן לאַנד, נישט בלויז פֿון מאָסקווע. ס'האָבן זיך באַגעגנט חברים פֿון פֿאַרשיידענע געזעלשאַפֿטלעכע, פּאַרטייאישע,ווירטשאַפֿטלעכע און וויסנשאַפֿטלעכע געביטן; עס האָבן זיך געטראָפֿן אין אָט דעם פֿאַרמאַכטן קאָרידאָר (ער האָט געהאַט נאָר אַ טיר אויף אַריין, אָבער נישט אויף אַרויס) מענטשן, וועלכע פֿלעגן אויף דער פֿריי דיסקוטירן צווישן זיך, אָפֿטמאָל אַפֿילו קוקן מיט חשד אויף אײנאַנדער, און ווען דער אַנדערער וואָלט נישט געווען פֿאַרשפּאַרט פּונקט ווי ער, וואָלט נישט איינער געטראַכט ביי זיך - אַהאַ, מיר האָט דאָס האַרץ געוואָרנט, אַז ער איז נישט אין אָרדענונג... אָבער פֿאַרוואָס מיך?

צווישן דעם עולם אין קאָרידאָר האָב איך אויך געפֿונען מיין פֿריינד, וועלכער האָט געהאַט געבראַכט פֿון שפּיטאָל מיין פּרוי מיטן קינד. פֿאַר דער צייט וואָס מען האָט מיך צוגענומען האָבן אַנדערע אויך אים אַרעסטירט און מ'האָט אונדז געבראַכט אַהער כמעט אין דער זעלבער צייט. מענטשן האָבן זיך דאָ שנעל געביטן. יענע וואָס האָבן פֿאַרנומען הויכע פּאָזיציעס, זענען ביי זיך געפֿאַלן; מענטשן וועלכע האָבן נאָך מיט אייניקע טעג צוריק גערעדט אין נאָמען פֿון דער פּאַרטיי און מלוכה, זענען געוואָרן אינגאַנצן אומבאַהאָלפֿן.

ערשט אין די פֿרימאָרגן שעהען בין איך צוזאַמען מיט אַנדערע פֿון מיין גרופּע (די וואָס זענען געבראַכט געוואָרן ביז צוועלף ביינאַכט) אַוועק געפֿירט געוואָרן אין בוטירקי. נאָכן פֿאַרמעלן דורכפֿירן די פּערזענלעכע רעוויזיעס, אָפּנעמען די איבעריקע זאַכן - שעלקעס, רימענס, קראַוואַטן אד"גל - האָט מען אונדז צעטיילט אין די קאַמערן.

אין קאַמער בין איך געקומען אַרום פֿיר-פֿינף פֿאַרטאָג. פֿאַרמעל איז עס נאָך געווען פֿאַרן אויפֿשטיין, אָבער טייל אַרעסטאַנטן זענען שוין געווען וואַך און אַנדערע האָבן זיך געגרייט אויפֿצושטיין. דאָס אויפֿשטיין און לייגן זיך איז געווען אַן אמת קונסטשטיק. אַלע נאַרעס זענען שוין געווען פֿאַרנומען. געפֿינען ערגעץ אַ ווינקל איז געווען נישט לייכט. איבעריקנס, נאָך וואָס? מען האָט נאָך אַלץ געטראַכט: אפשר איז עס דאָך בלויז אויף אַ פּאָר שעה, מ'וועט אויסקלאָרן און באַפֿרייען. עס האָט אָבער געדויערט אַ סך, זייער אַ סך לענגער...

## דער קעניג

כ'האָב זיך אויפֿגעוועקט מיט אַ גרויסן קאָפּווייטיק. אַ לענגערע צייט האָב איך נישט געקאָנט קומען צו זיך. עפּעס אַ מאָדנע געפֿיל האָט מיך באַהערשט. ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך ליג אָן אַ קערפּער און כ'בין עפּעס ווי גרינגער געוואָרן, אַ סך גרינגער ווי די לופֿט. ווען נישט דער שווערער קאָפּ וואָס האָט צוגעהאַלטן דעם גוף וואָלט איך זיכער געהאָנגען אין דער לופֿטן. נאָך אַ לענגערער צייט זיין אין דעם צושטאַנד האָט דער קערפּער ביסלעכווייז צוריק באַקומען זיין וואָג, אָבער גלייכצייטיק האָב איך דערפֿילט שטאַרקע ווייטיקן אין אַלע אברים. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַרום קומען פֿאָר עפּעס נישט נאָרמאַלע זאַכן, עס האָווען אַרום עפּעס מאָדנע ברואים. אַ היפּשע צייט האָב איך נישט געקאָנט באַנעמען וואָס דאָ קומט פֿאָר, צי שלאָף איך, צי איז עס אַ חלום, אָדער דאָס אַלץ איז אויף דער וואָר? ווען נישט די פֿאַרשטאַרקטע ווייטיקן וואָלט איך זיכער געמיינט, אַז עס איז אַ חלום.

מסתמא האָב איך אָנגעהויבן שרייען, ווייל עמיצער איז צו מיר צוגעגאַנגען, כ'האָב

דערפילט אַ שטאַרקן שטאָך פון אַ נאָדל אָדער גאָר אַ טשוואָק און ביסלעכווייז אינגאַנצן פאַרלוירן דעם באַוווסטזיין. ווען כ'האָב ווידער געעפנט די אויגן האָט דאָס גאַנצע בילד, וואָס איז געווען פאַרנפּלט, אָנגעהויבן אָננעמען קאָנקרעטע פאָרמען פון אַ קאַמער מיט מענטשלעכע געשטאַלטן און פענצטער מיט קראַטן. באַלד האָב איך זיך אָנגעהויבן פונאַנדערקלייבן אינעם אַרום און דערזען צוויי מענטשן אין ווייסע כאַלאַטן. איינער מיט אַ גומענעם שטעקן און דער צווייטער האָט געהאַלטן אַ ווייס העממד מיט לאַנגע אַרבל אָבער ס'איז נישטאָ ווו די הענט אַריינצושטעקן.

אַרום שטייען מענער, האַלב נאַקעטע און אינגאַנצן נאַקעטע. אַלע זינגען, קוויטשען און מאַכן פאַרשיידענע הוויות, לאַכן, שטייען אויף בענק. אָלע זענען זיי בלייך, האָבן וווּנדן אויף די קערפּערס, גלייך ווי יעדער וואָלט געהאַט באַקומען שמיץ. פון איייניקע רינט אַפילו בלוט. יעדער קוקט מיט שרעק אויף יענע אין די ווייסע כאַלאַטן. איינער אַ זקן שטייט אויף די קני און, וויינענדיק זאָגט ער עפּעס אַ תפילה. אַ צווייטער, גאָר אַ יונגער, כמעט אַ קינד, בלאַס ווי דער טויט, שטייט אינגאַנצן אומבאַוועגלעך. כ'קאָן אַלץ נישט פאַרשטיין וואָס דאָ קומט פאָר.

איך האָב געמאַכט אַ באַוועגונג ווי כ'וואָלט געוואָלט אַ שפּרונג טאָן און גלייך באַקומען אַ שטאַרקן קלאַפּ און ווידער, ווי דאָס פאָריקע מאָל, אַ שטאָך פון אַ נאָדל. די כוחות האָבן אויפסנייי מיך גענומען פאַרלאָזן, דער קאָפּ איז געוואָרן שווער און כ'בין איינגעשלאָפן. דאָס האָט זיך איבערגעחזרט עטלעכע מאָל, ביז לסוף בין איך געקומען צו זיך און באַנומען, אַז איך געפין זיך אין אַ משוגעים הויז. אָבער ווו, ווען און וואָס האָב איך נאָך נישט געוווסט. איך בין נאָך נישט דערגאַנגען ווי אַזוי איך בין אַהער געקומען.

אַזוי זענען פאַרביי עטלעכע טעג ביז איין מאָל, אַזייגער צען, נאָך אַ לענגערער צוגרייטונג, האָט זיך אָנגעהויבן די צערעמאָניע פון אויפנעמען מיך דורך דעם... קעניג. דעם קעניג האָב איך שוין געהאַט פריער באַמערקט. געווען איז ער אויך אַ בלייכער, ווי אַלע, אַ הינקענדיקער. געלעגן איז ער אין אַ ווינקל ביים פענצטער. לעבן אים איז געשטאַנען אַ וואַך. מ'פלעגט אים טראָגן צו דער פּאַראַשע און צוריק. דריי מאָל אין טאָג פלעגט ער מאַכן אַן איבערבליק פון זיין לייב-גוואַרדיע מיט דעם גאַנצן מיליטער און אַרויסגעבן די געהעריקע באַפעלן, וואָס זענען אויסגעפירט געוואָרן מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט. זיין וואָרט איז געווען הייליק. זיין שטראָף איז געווען - פינף ביז פינף און צוואַנציק שמיץ מיט אַ האַנטעך. זיין באַלוינונג איז געווען, אַז דער בעסטער און געטרייעסטער האָט זיך געמעגט אַוועקזעצן לעבן אים און אַפילו אים אַ קוש טאָן אין גרויסן פינגער פון דעם רעכטן פוס. אָבער אַזעלכע פאַלן האָב געטראָפן זייער זעלטן. אויך די פינף און צוואַנציק שמיץ זענען געווען אַ זעלטנהייט.

הכלל, עס האָט זיך דערנענטערט די שעה פון מיין שטעלן זיך פאַר דעם גאָט-געזאַלבטן קעניג. מ'האָט מיר גוט אויגעוואַשן די פיס און מיך צוגעפירט צו אים. דעם קעניגס אַדיוטאַנט האָט געגעבן אַ באַפעל און מ'האָט טרומייטערט, געזאָגט אַ תפילה און אַלע זענען אויפגעשטאַנען, אָפּגעטראָטן אויף פיר טריט און מיר זענען געבליבן מיט אים פנים אל פנים. דער קעניג האָט אויפגעהויבן זיין האַנט און איך האָב געהאַט רעכט צו רעדן. ביי מיר איז אָבער אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון. עס איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז פאַר מיר שטייט, ריכטיקער זיצט האַלב ליגנדיק, נישט קיין אַנדערער ווי... דער באַוווסטער זשורנאַליסט סאָסנאָווסקי. ער האָט פאַרשטאַנען וואָס מיט מיר קומט פאָר און מיך נישט געלאָזט אַפילו פרעגן. ער האָט בלויז געזאָגט, אַז

איך האָב נישט קיין טעות. "אַזוי דאַרף דאָס זיין. דאָ ליגט אַייער קעניג". איך האָב גוט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט... צווישן פאַרשיידענע אומזיניקע ווערטער האָט ער נאָך אַמאָל אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט, אַז אַזוי דאַרף עס זיין. כ'האָב געענטפערט, אַז עס איז אַ כבוד צו דינען דעם קעניג.

דער אַדיוטאַנט האָט געגעבן אַ צייכן, אַז די אוידיענץ האָט זיך פאַרענדיקט. איך האָב זיך דריי מאָל געבוקט און דער קעניג האָט מיר דערלויבט אים אַ קוש טאָן אין האַנט. מ'האָט מיך אָפּגעטראָגן צוריק צו מיין בעט, וואָס איז געווען דאָס לעצטער פאַר דער טיר (דאָס סאַמע לעצטע בעט איז שטענדיק געווען ליידיק, ווייל עס איז געווען באַשטימט ספּעציעל פאַר דער וואַך - די מענטשן אין די ווייסע כאַלאַטן).

די אויפנאַמע ביים קעניג האָט מיר קלאָר געמאַכט מיין לאַגע. ביסלעכווייז איז אויך צוריקגעקומען דער זכרון, נאָר כ'האָב זיך נישט געקאָנט דערמאָנען ווי אַזוי מ'האָט מיך געבראַכט אַהער. כ'האָב נישט געדענקט דעם אויספאָרשונגס-ריכטער און די אויספאָרשונג. ענדלעך האָט עפּעס גענומען אויפטויכן ווי דורך אַ כמאַרע.

... צווי אַזייגער ביינאַכט האָט מען מיך געפירט צו דער אויספאָרשונג. דאָרט איז מיר געוואָרן פינצטער אין די אויגן. כ'האָב אַפילו נישט געדענקט צי מ'האָט מיך געשלאָגן און מיט וואָס. ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך בין "צופעליק" אַרויפגעטראָטן אויף אַן עלעקטרישן שטראָם און כ'האָב אַלץ מער און מער אָנגעהויבן פילן ווייטיקן אין געשלעכט-אָרגאַן. כ'האָב אפגעגעבן צוריק אַלץ וואָס איך האָב פריער געהאַט געגעסן און אַלץ שוואַכער געזען, ווייל מ'האָט מיר צוגענומען די ברילן, און אָן זיי האָב איך נישט דערקענט קיין מענטשן, אַפילו יענע, וואָס זענען געשטאַנען האַרט לעבן מיר.

די לעצטע איינשפּריצונגען זענען געווען זייער ווייטיקריק. עס האָט וויי געטאָן דער גאַנצער קערפּער. אַלע מיינע באַגערן זענען געווען מען זאָל מיך כאָטש איין טאָג לאָזן צורו. לסוף האָט מען מיך אַריינגעפירט אין אַ דערבייאיקן צימער, צעשלאָגן און אָנגעטאָן אַ ווייס העמדל, ווידער געגעבן אַן איינשפּריצונג און ערשט אין אַ פּאָר שעה אַרום געבראַכט צוריק אין דער קאַמער און אָוועקגעלייגט מיך אויפן בעט. אַזוי האָט עס געדויערט דריי וואָכן. כ'בין געוואָרן אינגאַנצן אָפּגעשוואַכט, אַלץ אָפּטער פאַרלוירן דעם באַוווסזיין. עסן איז געווען פיינפול. עס האָט אַפילו נישט געהאָלפן דער אָנזאָג פונעם קעניג, אַז כ'זאָל עס טאָן קעגן מיין ווילן און אָפּט עסן מיט אים. כ'האָב נישט געקאָנט זיך באַטייליקן אינעם "גזעלשאַפטלעכן" לעבן פון אונדזער "מלוכה". דער קעניג האָט מיך באַפרייט פון דריי מאָל אין טאָג דאַווענען און זינגען (שרייען), ווייל דאָס האָט מען געדאַרפט טאָן שטייענדיק אויף אַכטונג. מ'האָט מיך באַפרייט פון שפּאַציר. מען פלעגט אונדז אַרויסלאָזן אויף שפּאַציר בלויז ביינאַכט אָדער גאַנץ פרי, כדי קיינער זאָל אונדז נישט זען דורך די פענצטער אָדער עמיץ זאָל אונדז נישט טרעפן צופעליק אין קאָרידאָר.

כאָטש עס איז שוין געווען סוף האַרבסט, דאָס וועטער קאַלט, פלעגן טייל גיין בלויז אין איין שוך, אַנדערע האַלב נאַקעט. יעדע באַוועגונג פון דער וואַך פלעגט זיך ענדיקן מיט אַן אויסגעשריי "זאָל לעבן דער קעניג!" אַפילו די וואַכמענער פלעגן זיך באַנוצן מיט זיין נאָמען. ווען ס'איז געוואָרן אַ טומל האָבן זיי געמאָלדן, אַז מ'וועט ראַפּאָרטירן דעם קעניג. נישט זעלטן האָט מען באַקומען קלעפּ, נאָר קיינמאָל נישט אין הויף.

אַזוי זענען פאַרביי כמעט דריי וואָכן ביז מען האָט מיך אַרויסגערופן פון קאַמער צום פאַרהער. און ווידער האָט זיך אַלץ אָנגעהויבן פונדאָסניי. נאָכן פאַרהער האָט מען מיך

צוריקגעבראַכט אין קאַמער אָן באַוווסטזיין. עס האָט גענומען עטלעכע טעג ביז איך בין געקומען צו זיך. יעדעס מאָל האָב איך געפונען אין קאַמער נייע מענטשן, טייל איבערגעבבענע דעם קעניג און אַנדערע, געוויינלעכע משוגעים.

## "דערציערס"

קיין קאַטלאַס האָט מען אונדז געבראַכט סוף יאַנואר אין 1938. מיר האָבן געטראָגן די זומער־מלבושים אין וועלכע מען האָט אונדז אַרעסטירט. איך האָב נישט געשריבן אַהיים וועגן דעם, אַז מען שיקט אונדז צו די "וויסע בערן", ווייל וואָס קאָנען זיי מיר העלפן, אַז די פרוי און קינדער זענען געבליבן אין שטוב אָן געלט. אין די אַלע ערטער, וווּ איך האָב געהאַט געלייענט לעקציעס, האָט מען דער פרוי נישט אויסגעצאָלט קיין איין קאָפּיקע, דערקלערנדיק, אַז נאָך געלט דאַרף איך אַליין קומען...

געבראַכט האָט מען אונדז קיין קאַטלאַס אַזייגער אַכט אינדערפרי. מיר זענען געגאַנגען צופוס דורך שנייען און פראָסט ביז מיר זענען אָנגעקומען צום טויער פונעם לאַגער. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דאָס דערליידיקן די פאָרמאַליטעטן, וואָס האָט געדויערט ביז צוויי אַזייגער. עס האָט שוין גענומען ווערן פינצטער און מיר זענען אַלע אַדורכגעפרוירן געוואָרן. דאָס דורכגיין דעם טויער און צוטיילן צו די באַראַקן האָט געדויערט ביז זעקס אָוונט. דער באַראַק אין וועלכן איך בין אַריין, איז נישט געווען באַהייצט, קיין ליכט איז אויך נישט געווען. עס האָט געברענט אַ קליין נאַפט־לעמפּל, וואָס האָט געדאַרפט באַלייכטן אַ שטח פון אַכציק מעטער. צום שלאָפן זענען געווען דריי־שטאָקיקע פּריטשעס. לעבן מיר האָבן זיך איינלאָקירט צוויי אַלטיטשקע פּראָפעסאָרן, דער דירעקטאָר פון דער לענינגראַדער שטאָט־ביבליאָטעק, עטלעכע מענטשן פון מאָסקווע, אַ באַקאַנטער פיזיק־פּראָפעסאָר און נאָך איינער, וועלכער האָט נישט געקאָנט רעדן, אים איז אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון.

אַזייגער אַכט האָט מען גערופן צו צען מענטשן נאָך זופּ. זיי האָבן געבראַכט עטלעכע עמערס, נאָר עס זענען נישט געווען קיין שיסלען און קיין לעפל. דאָס ברויט וואָס זיי האָבן געבראַכט איז געווען פאַרפרוירן. אויך מיר זענען געווען פאַרפרוירן און געציטערט פון קעלט.

מיר האָבן קוים באַוויזן אָפּצועסן ווי ס'איז אַריינגעקומען דער קאָמענדאַנט און געמאָלדן: "ווער עס וויל, פרייוויליק, גיין אויף אַ זייער וויכטיקער שווערער אַרבעט ווערט באַקומען אַ שיסל זופּ און אַ צוגאָב – 200 גראַם ברויט, און פרישע מלבושים. דערביי ווערט ער מאָרגן זיין פריי פון דער אַרבעט". איך האָב זיך געמאָלדן. פון אונדזער באַראַק האָבן זיך געמאָלדן אַן ערך 30 מענטשן. דער קאָמענדאַנט האָט נישט אָפּגענאַרט. מ'האָט אונדז אַריינגעפירט אין מאַגאַזין, אָנגעטאָן נייע וואַטניקעס. הויזן היטלען און וואַטענע הענטשקעס. מען האָט געבראַכט צוויי עמערס וואַרעמע זופּ מיט קרויט און יעדער האָט באַקומען 200 גראַם ברויט. די גאַנצע צוגרייטונג האָט געדויערט ביז צוועלף אַזייגער ביינאַכט. דעמאָלט האָט מען אונדז צוגעפירט צו אַ צווייטן באַראַק, דערלאַנגט גראָבאייזנס, לאָפּעטעס און, באַוואָפנט מיט דעם געווער האָט מען אונדז אַרויסגעפירט הינטערן באַראַק אויפן פעלד. דאָ האָבן מיר געדאַרפט אויסגראָבן גריבער אינעם פאַרפרוירענעם באָדן. געאַרבעט האָבן מיר אַזוי ביז אינדערפרי. יעדער האָט אויסגעגראָבן אַ האַלבן מעטער טיף אין שניי און אַ 20-30 צענטימעטער פאַרפרוירענע

ערד. געבראַכט האָט מען צוריק אין באַראַק איין טויטן, צוויי מיט אָפּגעפרוירענע הענט און פיס.

ווען מיר זענען געקומען צוריק האָבן מיר געפונען אַ וואַרעם אייוועלע, אָבער צוגיין דערצו איז, ליידער, געווען אוממעגלעך. עס איז געווען פאַרנומען פון די אורקעס. מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן, צוגעטוליעט איינער צום צווייטן און אַזוי אַרום זיך דערוואַרעמט.

נאָך דער נאַכט־אַרבעט זענען מיר אויפגעשטאַנען שפּעט, אַזייגער צען. ווידער האָט דער קאָמענדאַנט געהאַלטן וואָרט. יענעם טאָג זענען מיר צו דער אַרבעט נישט געגאַנגען. אָבער צען בייַנאַכט האָט מען אונדז גענומען, דאָס מאָל שוין נישט פּריוויליק, נאָר אויסגערופן לויט די נעמען מ'האָט אונדז אויפסנייַ געפירט גראָבן גריבער אויף אַריינצושטעלן סלופּעס. ערשט שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט צו וואָס דאָס אַלץ איז נייטיק. דער לאַגער האָט זיך שטאַרק פאַרגרעסערט. אונדזער טראַנספּאָרט איז באַשטאַנען פון אַן ערך טויזנט מענטשן און אַזעלכע טראַנספּאָרטן זענען געקומען יעדן טאָג, אַמאָל אַפילו צוויי אין איין טאָג. פון דאַנען פלעגט מען פונאַנדערשיקן די אַרעסטירטע אין פאַרשיידענע לאַגער־פונקטן. דאָ פלעגט מען די "סחורה" סאָרטירן לויט דעם צו וואָס איינער טויג: אויף אומוואַלגערןביימער אין וואַלד, אין שטיינהאַקערייַ אָדער צו לאַנדווירטשאַפט; צי וועט דער מענטש קאָנען דערגיין צו אַ וווייטן לאַגער־פונקט, צי דאַרף מען אים שיקן אַביסל נעענטער. געווען אויך אַ לאַגער־פונקט וואָס מ'האָט גערופן "סלאַבאָסילקע", דאָרטן פלעגט מען שיקן אַלטע לייט, קאַליקעס און קראַנקע, וועלכע קאָנען נישט אויסגעניצט ווערן צו קיין שווערער אַרבעט. די איבעריקע האָט מען אָפּגעשיקט אין דער "דאָכאַדיאַלעווקע", אַהין ווו מען עלטערט זיך גיך און מען קומט צו אַ גיכער פאַראייניקונג מיט די אבות־אבותינו. כאָטש איך בין געווען זייער אָפּגעשוואַכט האָט אַ פּוילישער דאָקטער באַשטעטיקט, אַז כ'קאָן נאָך ברענגען נוצן. כ'האָב אָנגעשטרענגט אַלע כוחות צו ווייזן, אַז איך בין געזונט. כאָטש ס'האָבן שטאַרק וויי געטאָן די פיס האָב איך זיך נישט געקלאָגט, געשטאַרקט זיך און גענומען אַ גרויסע לאָפּעטע אויסצוגראָבן מיין נאָרמע, כדי דער בריגאַדיר זאָל זיין צופרידן.

* * *

דער לאַגער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געווען נישט סתם אַ שטראָף, ער האָט אויך געדאַרפט "איבערדערציען" דעם מענטש. איז ווער האָבן געקאָנט זיין די דערציער אויב נישט די אורקעס און באַנדיטן, יענע וואָס זענען געזעסן פאַר מערדערייַען, פאַרגוואַלטיקונגען, האָמאָסעקסואַליזם אד"גל?

צו אונדזער באַראַק איז צוגעטיילט געוואָרן איינער מיטן נאָמען מאַכנאָ. געזעסן איז ער פאַר פאַרגוואַלטיקן קליינע מיידלעך און גניבות. ער האָט געהאַט אַ היפּש צעטל פון "פאַרדינסטן". ער איז געווען אַ קליינינקער, מיט צעבראָכענע פינגער און אַן אויסגערונען אויג, איז שטענדיק געווען שיכור. עס איז אים גערונען פון נאָז און פון מויל. געשטונקען האָט פון אים פאַר אַ מייל. עס איז געווען אוממעגלעך צו שטיין לעבן אים. אַזאַ מין עקלהאַפטן פאַרשוין איז שווער געווען צו געפינען. געהאַט האָט ער אַ גרויסע מאַכט. פון אים איז געווען אָפּהענגיק צי דו האָסט רעכט צו שרייבן בריוו; צי האָסטו רעכט צו באַקומען בריוו. ער גיט פּאַפּיר, טינט, אַ בלייער. אַלץ ער. ער גיט אַ

כאַראַקטעריסטיק פון דעם אַרעסטאַנטס אויפפירונג, ער איז דער קעניג פונעם באַראַק.

איינמאָל האָט דער מאַכנאָ געבראַכט בריוו און צווישן זיי אַ בריוו פאַר אַן אַלטן פּראָפעסאָר, אַ ספּעציאַליסט איבער טעאָריע פון קונסט און עסטעטיק. איז דער פּראָפעסאָר מיט די לעצטע כוחות צוגעלאָפן צו דעם "דערציער" און זיך געווענדט צו אים. "ביטע, הער דעציער, זייט אַזוי גוט און גיט מיר מיין בריוו". יענער גיט אים אַ שפּיי אין פּנים, אַ בריקע צווישן די פיס אַזוי, אַז דער פּראָפעסאָר האָט זיך דריי מאָל איבערגעקערט, און ער זאָגט: "הער נאָר דו הינטישער זון, וואָס פאַרא פאַרדינסטן האָסטו, אַז איך זאָל גיין זיך מאַטערן אין אַזאַ פראָסט און דיר ברענגען בריוו? איך קאָן דיר דעם בריוו נישט אָפּגעבן. אפשר שרייבט מען דאָרט, איז דו זאָלסט אַנטלויפן, אָדער גאָר דעמאָרדן דעם קאָמענדאַנט". און ער האָט אים ווידער דערלאַנגט אַ זעץ אין פּנים. דעם בריוו האָט ער צעריסן אויף שטיקלעך פאַר אַלעמען אין די אויגן.

שפּעטער איז ער געוואָרן גוט און פרום ווען ער האָט אין אַ פּאָר טעג אַרום געבראַכט אַ צווייטן בריוו. ער האָט זיך געהאַט דערוווסט, אַז דער פּראָפעסאָר האָט עפּעס אַ העמדל וואָס מען קאָן ביי אים צונעמען...

מיר האָבן זיך נישט געקאָנט צוגעוויינען צו אים, כאָטש מ'זאָגט אַז צו אַלץ געוויינט מען זיך צו. לסוף איז אונדזער "דערציער" פאַרשוואונדן געוואָרן. אַנדערע אורקעס האָבן אים דערהרגעט, ווייל ער האָט זיי געמסרט. ער האָט באַקומען מיט אַ מעסער אין זייט און איז געווען פאַרטיק. מיר האָבן קיין גרויס עגמת־נפש נישט געהאַט, אָבער דאָס האָט אונדז געקאָסט נישט ווייניק. מער ווי אַ וואָך האָט מען פאַרהאַלטן די בריוו און עס איז נישט געווען קיינער ווער עס זאָל די בריוו אָפּגעבן, כאָטש דער באַראַק איז געווען נישט ווייט פון דער קאַנצעלאַריע.

אין אַ וואָך אַרום האָבן מיר באַקומען אַ צווייטן "דערציער". ער איז געווען נישט אַזאַ שטינקענדיקער, אָבער אויך אַ מערדער. יעדן טאָג פלעגט ער עמיצן מערדערלעך שלאָגן און יעדן טאָג האָט אים עמיצער געמוזט אָפּגעבן זיין פּייקע ברויט, אויב נישט האָט ער אַלעמען אַרויסגעטריבן האַלב נאַקעטע פון באַראַק. מיר האָבן געהאַט נאָך צוויי "דערציערס" פאַר דער צייט, נאָר קיין גרויסער אונטערשייד איז צווישן זיי נישט געווען.

אין משך פון אַ פּאָר חדשים זענען מיר דורגעגאַנגען דעם ערשטן קורס פאַליט. גראַמאַטע און דאָס האָט אַביסל פאַרשטאַרקט אונדזער באַוווסזיין. טייל האָבן געהאַט אַזאַ דערפאָלג, אַז ביי יעדן וואָרט האָבן זיי אַריינגעמישט אַ "מאַטושקע"... איינער אַ דאָקטער פון לינגוויסטיק האָט עס אַזוי באַהערשט, אַז די אורקעס האָבן זיך נישט געקאָנט מיט אים פאַרגלייכן.

געוואַלט־אַקטן און מערדערייען זענען דורך קיינעם נישט געשטערט געוואָרן. צו באַקומען די פּייקע ברויט האָבן געמוזט גיין עטלעכע מענטשן, וועלכע האָבן געדאַרפט היטן מ'זאָל דאָס ברויט נישט צעראַבירן אויפן וועג. נישט זעלטן פלעגט טרעפן, אַז די אורקעס האָבן געמאַכט אַזן איבערפאַל און צוגענומען דאָס גאַנצע ברויט. דאָס זעלבע, אַז מ'פלעגט גיין ברענגען דעם מיטאָג. אַפילו גאָרנישט טראָגנדיק איז געווען אַ מורא אַליין אַרויסצוגיין. זיי פלעגן אויסטאָן און צונעמען דאָס לעצטע.

עס האָט געדאַרפט טרעפן, אַז דעם פריער דערמאָנטן פּראָפעסאָר איז אָנגעקומען אַ פּעקל פון שטוב. ס'איז געווען אַ פרייד, אַ שמחה ביי אַלעמען. אָבער ווי אַזוי נעמט מען עס אָפּ און ווי אַזוי ברענגט מען עס צו טראָגן אין באַראַק? מיר האָבן אויסגעטיילט

גרוניא סלוצקי־קאהן / מאָנטרעאַל

*<u>מענטשן פון אונדזער סביבה</u>*

# שמחה און שרה לײנער

דער יידישער קהילה אין לאָס־אַנדזשעלעס זענען גוט באַקאַנט די צוויי וווּנדערבלעכע, ברייטהאַרציקע מענטשן שמחה און שרה לײנער, מיט וואָס האָט שמחה לײנער געוווּנען אַזוי פיל חן, ליבשאַפט, דאַנקבאַרקייט און אָנערקענונג, ווי אויך זיין לעבנס־ס'באַגלייטערין שרה? מיט זייערע טאַטן. לײנער האָט שווער געהאָרעוועט, ביז ער איז געוואָרן אַ דערפאָלגרייכער געשעפטסמאַן.

געבוירן אין אוקראַינע, אין שטעטל באַר. דער פאָטער, אַ ציוניסט, האָט געגעבן זיינע קינדער אַ נאַציאָנאַלע דערציונג. שמחה לערנט אין אַ העברעישער שול און גלייכצייטיק אין דער רוסישער גימנאַזיע. ווי אַ יונגער בחור פאַרלאָזט ער די היים און פאָרט ווי אַ חלוץ קיין ארץ ישראל. דריי יאָר געהאַקט שטיינער, געבויט שאָסייען, געליטן הונגער און נויט. אַדורך "קאַלט און וואַרעם", אָבער אָנגעגאַנגען מיט זיין לעבן. ער האָט שטודירט אין מאָנטעפיאָרע טעכניקום אין תל־אביב. אָן מיטלען איז אים געווען זייער שווער. שמחה באַשליסט צו פאָרן אַרבעטן קיין פּערו, אָפּשפּאָרן אַ ביסל געלט כדי קענען לערנען ווייטער. אין אַ פרעמד לאַנד, אָן אַ שפּראַך, אָן פריינד, אָן אַ גראָשן געלט אין קעשענע, איז געווען זייער שווער, ס'איז אים געלונגען אין מסחר, אָבער אים געפעלט ניט דאָס יידישע לעבן אין פּערו און ער באַשליסט צו פאָרן קיין ווענעזועלאַ. אין ווענעזועלאַ איז שמחה לײנער אויך לאַנג ניט פאַרבליבן. אַן ענערגישער בחור, מיט

---

עטלעכע מענטשן זיי זאָלן היטן אויפן וועג. דער פּראָפעסאָר מיט זיינע באַגלייטער זענען אַריין אין קאַנצעלאַריע און באַקומען דאָס פּעקל. אָבער ווי נאָר זיי האָבן עס אַרויסגעטראָגן אינדרויסן האָבן שוין אויף זיי געוואַרט די אורקעס און אַ כאַפּ געטאָן דאָס פּעקל און זייערע הענט. דאָס איז פאָרגעקומען פאַר די אויגן פון קאָמענדאַנט, דער וואַך און אַלע אַרומיקע. דאָס פּעקל איז פאַרפאַלן געוואָרן. קיין שום באַמיונגען האָבן נישט געהאָלפן. עס איז גאָרנישט געראַטעוועט געוואָרן. מ'האָט אַפילו נישט געכאַפּט דעם "כאַפּער".

אַזעלכע פאַלן האָבן געטראָפן יעדן טאָג. די אורקעס האָבן טעראָריזירט די פּאָליטישע און אַפילו די אַדמיניסטראַציע. אָבער די אַדמיניסטראַציע האָט זיך מיט זיי גענוצט אין קאַמף קעגן די "קאָנטריקעס". לסוף איז געקומען אַ טאָג ווען זיי האָבן זיך געמוזט נעמען צו די אורקעס. דער געהילף־קאָמענדאַנט האָט עפּעס געזאָגט זייער אָנפירער, האָבן זיי אים גענומען שלאָגן און דערלאַנגט מיט אַ מעסער אין רוקן. עס איז דערגאַנגען צו אַן ערנסטער שלאַכט. מען האָט געבראַכט הילף פון אַ צווייטן לאַגער־פּונקט און אַרומגערינגלט דעם באַראַק פון די אורקעס. יענע האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט און מען האָט זיי געמוזט נעמען מיט שטורעם. דער קאַמף האָט געדויערט פון צען אינדערפרי ביז פיר אַזייגער אָוונט. ס'זענען געווען אַ סך פאַרוווּנדעטע פון ביידע צדדים. די אורקעס האָבן זיך לאַנג געראַנגלט ביז זיי האָבן זיך געמוזט אונטערגעבן.

אַמביציע, פֿאַרט ער קיין מעקסיקע. דאָרט האָט ער געטראָפֿן זיין באַשערטע שׂרה ראַפֿאַלין פֿון אַ קליין שטעטל פּונסק, סוּוואַלקער גובערניע, אַן אינטעליגענט מיידל פֿון זייער אַ רעליגיעזער היים; אין יאָר 1938 חתונה געהאַט מיט איר. שׂרה איז געקומען קיין מעקסיקע צו אירע ברידער, שטודירט אין מעקסיקאַנער אוניווערסיטעט ליטעראַטור, פֿילאָזאָפֿיע און פּעדאַגאָגיק אַרבעט אַלס לערערין אין די יידישע שולן און אין יידישן סעמינאַר, ווי אויך אַלס פּראָפֿעסאָר פֿון לאַטיין אין מעקסיקאַנער קאַלעדזש. זי האָט אַ מעסטערס דיגרי אין דערציונג. שׂרהס ברודער, הרב דוד שלמה ראַפֿאַלין ז״ל, איז געווען לאַנגע יאָרן דער הויפּט־רב אין מעקסיקאָ־סיטי.

אין יאָר 1951 האָבן זיך די ליינערס באַזעצט אין לאָס אַנדזשעלעס, ווו זיי לעבן ביזן היינטיקן טאָג. זיי האָבן דריי גראַטענע, לייטישע זין: מאַרק, נחום און לויס, די קינדער גייען אין די פֿוסטריט פֿון זייערע עלטערן. אויך זיי זענען אַקטיוו אין יידישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן פֿון ל.א. די גאַנצע משפּחה ליינער איז טאַקע באַלוינט געוואָרן מיטן ערשטן פּריז - דעם ליכט־פֿאַקל ״אוואָרד״ פֿאַר זייער איבערגעגעבענער אַרבעט אין היגן יידיש געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, פֿאַר פֿאַרשפּרייטן ליכט און וויסן. אין דער היים ריידן די ליינערס: יידיש, העברעיש און ענגליש.

שׂרה באַטייליקט זיך אין די אַקטיוויטעטן פֿון נעמ״ת (פּיאָנערן פֿרויען) הסתדרות עברית, און חוג התנ״ך. זי האָט געקראָגן די דבורה־אויסצייכענונג פֿון היגן נעמ״ת־קאָנסיל, דרוקט זיך אין זשורנאַל ״חשבון״, ווי אויך אין דער העברעישער צייטונג ״הדואר״, אין ישׂראל איז דערשינען איר בוך: ״יידישע יום־טובים און זכרונות״ (1988) מיט דער הקדמה פֿון הרב ד״ר העשיל קלעפּפֿיש.

שׂמחה העלפֿט מיט אַ ברייטער האַנט אַ סך אינסטיטוציעס אין אַמעריקע און ישׂראל, ווי קרן קיימת לישׂראל, העברעישער אוניווערזיטעט אין ירושלים, בר־אילן אוניווערזיטעט אין רמת־גן, בית הגדול אין ירושלים און אין אַמעריקע: דעם ״חשבון״, אַנטי־דעפֿימיישן ליג״, יידישער קולטור־קלוב אין ל.א. ״יוניווערסיטי אָוו דזשודאַיזם״ א.א. שווער אויסצורעכענען אַלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע די ליינערס העלפֿן אַרויס. זיי לעבן ניט נאָר פֿאַר זיך. זיי האָבן אַן אָפֿענע האַנט פֿאַר צדקה. די ליינערס האָבן געשאַפֿן אַ ספּעציעלן פֿאָנד פֿון וועלכן עס געניסן אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס. נישט איינמאָל זענען זיי באַערט געוואָרן מיט אויסצייכענונגען, אָבער פֿאַרבליבן באַשיידענע, האַרציקע מענטשן.

שׂמחה ליינער האָט קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן זיין משפּחה אין רוסלאַנד. געפֿאָרן יאָרן זיי באַזוכן. אַלע קינדער זענען מיטגעפֿאָרן זיך באַקענען מיט דעם פֿאָטערס משפּחה. שׂמחה האָט זיך ניט באַרויקט, ביז ער האָט אַלעמען ניט געבראַכט קיין אַמעריקע און איינגעאָרדנט. ער העלפֿט אַ סך מענטשן מיט ״ראָט און טאַט״.

מיין פֿריינדין שׂרה פּערשקאָ קען ניט פֿאַרגעסן און וועט קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן וויפֿל זאָרג, אַרבעט, שׂמחה ליינער האָט אַריינגעלייגט ביים איינאָרדענען אירע און איר מאַנס קאָנצערטן אין ל.א. נישט נאָר ער אַליין, די גאַנצע ליינער־משפּחה איז געווען ״איינגעשפּאַנט״ אין דער אַרבעט. יעדן קאָנצערט האָט שׂמחה פֿאַרענדיקט מיט אַ באַנקעט פֿאַרן עולם מיט אַ ״קעניגלעכן״ כשרן מאָלצייט. ״די ליינערס פֿלעגן אונדז באַגעגענען און באַגלייטן ביים אָוועקפֿאָרן״, דערציילט שׂרה פּערשקאָ. נאָכן טויט פֿון איר מאַן חיים ע״ה האָבן די ליינערס פֿאַרבעטן שׂרהן אויף אַ גאַנצן חודש צו זיך. שווער אָפּלושאַצן אַזאַ וווּנדערלעכע באַציונג צו אַ פֿריינד.

אלי ביידער / ירושלים

# אַפּאָריזמען

יעדער מענטש געבליבן איז אַ פּאַוסט,  
ער מוז אַליין אויף אַלע שטעגן גיין.  
כדי מיט זיין געווינס און זיין פאַרלוסט  
דעם תוך פון לעבן אייגענעם פאַרשטיין

* * *

אויב מען וויל דעם אומעט הײלן  
גייט מען, ווו ס'איז גרויס דער עולם.  
אָבער גאווה אויסצוהײלן  
העלפט אַ שפּאַציר אויף דעם בית עולם.

* * *

פאַרשווייגן איז אַ פאַרוואָרט צו אַ ליגן,  
נאָר עס מאַכט זיך אין אַ שווערער צייט  
ווען געפערלעך איז דעם אמת קריגן  
איז דאָס שווייגן סיי ווי סיי אַ ליגן.

* * *

מענטשן זענען גאָר פאַרשיידן  
אין טאַט און וואָרט.  
נאָר ווי ענלעך זענען זיי  
ווען מען פאַרבאָרגט...

---

אויך איך האָב געגאָסן פון שמחה ליינערס ברייטהאַרציקייט. באַקאַנט האָבן מיר זיך שריפטלעך דורך שרה פערשקאָ. ליינער האָט אַלע מיינע ביכער. אין אַ שווערן מאָמענט האָט מיך שמחה ליינער ניט פאַרגעסן. געקלונגען אין שפּיטאָל נאָך מיין שווערער אָפּעראַציע אויפן האַרצן. טעלעפאָנירט אַהיים, פאַרגעסט מיך ניט ביזן היינטיקן טאָג. ס'איז באמת אַ כבוד אים צו קענען און האָבן פאַר אַ פריינד. צו די פייערונגען: "50 יאָר מדינת ישראל" אין ל.א. האָבן זעקס לערער אין יידישע למודים באַקומען אויסצייכענונגען צו 2,500 דאָלאַר פון דער שמחה און שרה ליינער פונדאַציע. די ליינערס האָבן אויך געגעבן כיבד פאַרן גאַנצן עולם.

וואָס פאַראַ טייערע מענטשן מיר פאַרמאָגן, ס'איז גאָר ניט אָפּצושאַצן! זאָלן מיר איך האָבן נאָך אויף לאַנגע יאָרן*!

---

* דער ווונטש פון דער מחברין איז, ליידער, טיילווייז נישט מקוים געוואָרן. ווען אין אַרטיקל איז צו אונדז דערגאַנגען איז שוין שרה ליינער געהאַט אַוועק אין דער אייביקייט. דרוקן מיר עס מיט אַ פאַרשפּעטיקונג און זאָל עס דינען ווי אַ דערמאָנונג פון איר ליכטיקן אָנדענק. צו דער צווייטער העלפט פונעם ווונטש - פאַר שמחה ליינער - שליסן מיר זיך אָן מיטן גאַנצן האַרצן און שיקן אים איבער אונדזערע ברכות.

רעדאַקציע

שושנה באַלאַבאַן־וואָלקאָוויטש / ניו־יאָרק

# די 8־טע סעסיע פון "וועלטראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור

(יוני 9–11, 1998)

די 90 יאָר נאָך דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, וואָס איז היי־יאָר פאַרצייכנט געוואָרן, האָט אונדז באַווירקט, מיר זאָלן זיך וועלן באַטייליקן אין דער "8טער סעסיע פון וועלטראַט". אַזוי ווי יענע דעלעגאַטן, האָבן מיר אויך געוואָלט ווערן אַ טייל פון אַ היינטצייטיקער דערשיינונג לטובת יידיש.

אין דעם אָט־אָט אָנקומענדיקן נייעם י"ה, ווען די אינפאָרמאַציע־טעכנאָלאָגיע איז געוואָרן צוטריטלעך פאַר יעדן, שטעלן מיר זיך די פראַגע: האָט מען טאַקע באַדאַרפט האָבן די 8טע סעסיע פון וועלטראַט און דווקא אין מדינת־ישראל? מיר צווייפלען.

וואָכן פאַר דער דערעפענונג פון "וועלט־צוזאַמענקום" האָבן די אָרגאַניזאַטאָרן צעשיקט אַליאַרם־בריוולעך מיט דער בקשה: "מיר נייטיקן זיך אין געלט - אויב ניט קען מען ניט דורכפירן די סעסיע". געציילטע (5-7) יידיש־שטיצערס און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס האָבן ברייטהאַרציק געענטפערט. אין דעם זין דאַרף מען באַגריסן גרשון וויינערן, דעם פאָרזיצער פון וועלטראַט, - ער האָט געוווּסט ווי און ביי וועמען קריגן די נייטיקע סומעס.

דאָס ניט־באַטייליקן זיך פון די ישראלדיקע אינסטאַנצן, אָנהייבנדיק פון דעם נשיא פון דער מדינה, די דערציונג - און קולטור־מיניסטאָרן האָט אויף אונדז, און אַנדערע דעלעגאַטן, געמאַכט אַ שווערן איינדרוק - באַיקאָט. אַגב, אין אַ פּראָוויזאָרישער פּראָגראַם פון "וועלטעראַט" (דאַטירט מאַי 10, 1998) ווערט אָנגעגעבן: "פייערלעכע דערעפענונג מיט דער מעגלעכער באַטייליקונג פון נשיא עוזר ווייצמאַן, קליטה־מיניסטער יולי עדעלשטיין, בירגערמייסטער פון אַשקלון בעני וקנין, קאָ־פאָרזיצער פון ק.ק.ל יחיאל לקט".

דער וועלטראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור האָט, ווייזט אויס, ניט געקאָנט באַווירקן די רעפּרעזענטאַנטן אַז מע זאָל כאָטש ענטפערן מיט באַגריסונגען. אָפּגערעדט פון די העברעיִשע און ספרדישע קולטורן, אַז זיי זאָלן ווערן אַ טייל פון אונדזער יידיש־יום־טוב.

ביי דער 8טער סעסיע האָבן מיר ניט געפונען דאָס וואָס מיר האָבן געזוכט. די איבערגעלאָדנקייט פון פּראָגראַם האָט שיער ניט דערמעגלעכט צו האָבן אַרבעט־סעסיעס. נו, און אַז מע האָט שוין יאָ אַרויפגעבראַכט די פּראָבלעמען פון יידיש־לימוד און לערער־סעמינאַרן אין ישראל און אוקראַינע - איז וואָס?

מען האָט צונישט געמאַכט די יידיש־פּראָגראַמען וואָס עקזיסטירן אין פאַרשידענע לענדער. למשל: דער אַרגענטינער צענטראַלער ועד־החינוך איז געשאַפן געוואָרן אין די 30ער יאָרן; קאַנאַדע האָט אין פאַרשידענע צייטן געהאַט אין טאָראָנטאָ, וויניפּעג, מאָנטרעאָל און אַנדערע שטעט יידיש־שולן. די "ביאַליק"־שול אין מאָנטרעאָל קען, היינט־צו־טאָג, דינען ווי אַ מוסטער מיט זייער קינדער־גאָרטן, אָנפאַנג און מיטלשול. קיין שום תלמיד - פון די 700 אין מיטלשול - באַקומט ניט זיין גראַדויר־דיפּלאָם אויב ער, אָדער זי, גייט ניט אַדורך די יידיש־קורסן. אין די פאַראייניקטע־שטאַטן זענען דאָ די פּראָגראַמען פון די אַמאָליקע "אָרדן"־אַרבעטער־רינג" - פאַרבאַנד -

שלום־עליכם־שולן, "הרצליה"־סעמינאַר. מיר שליסן ניט אויס די פּראָגראַמען פון די "בית־יעקב", בית־רבקה" א.אַ. רעליגיעזע אַנשטאַלטן. מעקסיקע האָט אויך יידיש־פּראָגראַמען און מע טאָר ניט אַרויסלאָזן דרום־אַפריקע, אויסטראַליע.

דעריבער, ווען מע האָט פאָרגעלייגט - און עס איז אָנגענומען געוואָרן - שאַפן פאָנדן צו אַנטוויקלען יידיש־פּראָגראַמען פאַר אָנפאַנג - און מיטלשולן, וועלכע וועלן דינען ווי אַן אַלגעמיינער פּראָגראַם פאַר די יידיש־שולן איבער דער וועלט - האָבן דעלעגאַטן רעקאָמענדירט "מע זאָל די זאַמלונג אָנהייבן אין מדינת־ישראל". דער גלות־ייד איז שוין מיד געוואָרן, אַז אין נאָמען פון דער מדינה, זאָל מען ביי אים פאָדערן הילף.

טייל דעלעגאַטן האָבן רעקאָמענדירט, אַז די וועלכע זענען געקומען פון דעם אַמאָליקן ראַטן־פאַרבאַנד און היינט האָבן זיי שוין באַקומען דאָקטאָראַטן אין יידיש, זאָלן זיך באַקענען מיט דער געשיכטע פון דעם יידיש־שולוועזן - סיי פון פוילן (מזרח־אייראָפּע) און סיי פון די אַמעריקעס.

אַ טשיקאַווע פּאַסירונג: מ'האָט פאָרגעלייגט דורכפירן אַ מאַניפעסטאַציע ביי דער כנסת. ביים שטימען, האָט אַן אָנגעזעענער פירער פון "וועלטראַט", געבעטן מע זאָל שטימען קעגן...! ניט וויכטיק צי מיר זענען געווען מיט דער מיינונג יאָ - אָדער ניין - מאַניפעסטאַציע. וויכטיק איז, אַז מע האָט רעקאָמענדירט - ניין און ס'איז געוואָרן - ניין. ווער האָט געשטימט ניין? די אַמאָליקע איינוווינער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. זיי, וועלכע זענען אַרויסגעפאָרן אַ דאַנק די מאַניפעסטאַציעס וואָס יידן איבער דער וועלט האָבן דורכגעפירט במשך יאָרן. דווקא זיי, האָבן געשטימט "ניין".

טייל פון די "יונגע", אויסלענדישע און ישראלדיקע דעלעגאַטן, זענען געווען מיט דער מיינונג, אַז ניט נאָר כדי הערן די גוטע רעפעראַטן זענען מיר געקומען צו דער וועלטסעסיע". געקומען איז מען מיט דער שטרעבונג צו געפינען ענטפערס אויף קאָנקרעטע פראַגעס אַרום דעם קיום פון דער יידיש־שפּראַך און איר קולטור.

אויפן 2טן טאָג, האָבן מיר אָרגאַניזירט אַ ספּעציעלע סעסיע, מיט דער באַטייליקונג פון קנאַפּע 50 דעלעגאַטן, וואָס שטייען בראש - אָדער זענען אַקטיוו - אין די פאַרשידענע אינסטיטוציעס. דער סדר־היום איז אויפגעוואַקסן פון די פראַגעס. די אַלגעמיינע מיינונג איז געווען "מע זאָל ענטפערן אויף די פראַגעס מיט קאָנקרעטע דערפאַרונגען".

למשל: ווי פאַראינטערעסירט מען די מיטליעריקע זיך צו דערנענטערן צו יידיש און זיי זאָלן ווערן געזעלשאַפטלעך אַקטיוו. ד"ר דוד צוקערמאַן (אורוגוויי) האָט אין קורצן דערציילט וועגן די אַקטיוויטעטן וואָס זיי פירן דורך. זיין רעקאָמענדאַציע: "אויפקלערן, אַז יידיש האָט טראַדיציעס במשך די 1,000 יאָר, וועלכע לאָזן זיך באַנייען, אָפּפרישן און באַרייכערן". מע האָט - ביי יענער זיצונג זיך אַדורכגעשמועסט, ניט גערעדט.

וואָס האָט אונדז באַפרידיקט אין די פיר טעג וואָס עס האָט געדויערט דער יום־טוב? די גוט געבויטע, באַלערנדיקע רעפעראַטן פון די וועטעראַנען פון יידיש - ד"ר העשיל קלעפּפיש; דב נוי; אַברהם קאַרפּינאָוויטש; די צוגעשיקטע לעקציע וועגן אַברהם סוצקעווער פון איטשע גאָלדבערג; דער שאַרפער זשורנאַליסט יצחק לודען, רעדאַקטאָר פון די "לעבנס־פראַגן".

פון די יונגע: פּראָפ. אַברהם נאָווערשטערן (אַן אַרגענטינער געבוירענער, וועלכער איז דער דירעקטאָר פון יידיש־דעפּאַרטמענט ביים ירושלימער אוניווערסיטעט; איציק גאָטעסמאַן, יידיש־פּראָפעסאָר אין היוסטאָן־אוניווערסיטעט; פּראָפ. מרים אייזיקס

(וואַשינגטאָן). די לידער געווידמעט יידיש פון דער פּאָעטעזע רבקה באַסמאַן. די באַריכטן פון מילקע שולשטיין (פּאַריז); דוד צוקערמאַן, אָדם ראָק, רעדאַקטאָר פון דעם וואַרשערער זשורנאַל "דאָס יידישע וואָרט". די דעלעגאַטן פון ריאָ און ווין, דער פעסטיוואַל פון 12 כאָרן, די אַרטיסטישע בייטראָגן פון נחמה ליפשיץ, שרהלע פרידמאַן רוט לעווין.

מיט וואַרעמקייט האָט אונדז אויפגענומען די שטאָט אַשקלון, וועלכע איז געווען דער גאַסטגעבער פון ערשטן טאָג.

דער בירגעמייסטער, בעני וקנין, האָט אין זיין באַגריסונגס-וואָרט דערקלערט, אַז אין אַשקלון ווינען עולים פון פאַרשידענע קהילות וועלכע זענען אַריינגעגנומען געוואָרן מיט פריינדשאַפט און דרך־ארץ אין זייער קהילה. מען זעט אַז זיי, די עולים, זאָלן ניט ווערן אָפּגעריסן פון זייערע וואָרצלען, מע העלפט זיי שאַפן קלובן און לאַנדסלייט-פאַראיינען. יידיש האָט אין אַשקלון געפונען אויך אַ בכבודיקן צענטער מיט אַלע גלייך.

קיין פּראָטאָקאָל פון דער סעסיע האָט מען ניט געלייענט. די "טשערנאָוויצער קאָנפערענץ" איז אונדז געקומען אין זיכרון. אויך דאָרט האָט מען ניט געפירט קיין פּראָטאָקאָלן. מיר האָבן אויסגעפונען, אַז קיין פּראָטאָקאָל פון דער 8טער סעיסע האָט מען אויך ניט פאַרשריבן. ווען מע וועט וועלן אויסגעפינען וואָס איז ביי דער "8טער סעסיע פון וועלטראַט" פאָרגעקומען, וועט מען דאַרפן אָנקומען צו די באַריכטן פון דער שרייבערין און זשורנאַליסטין אלישבע כהן־צדק פון דעם ישראלדיקן יידיש-וואָכנבלאַט "נייע צייטונג". אירע באַריכטן, אינטערוויוען, אָפּשאַצונגען און סך־הכלן זענען געווען געדרוקט במשך 10 פרייטיקס.

ווען מיר שרייבן די שורות זענען שוין אַריבער זעקס פולע חדשים זינט דער "קאָנפערענץ". נאָך אַלע באַריכטן, רייד און באַשלוסן איז געבליבן "תיקו".

## פּריזן פון דער זשיטלאָווסקי־פונדאַציע

די זשיטלאָווסקי־פונדאַציע אין ניו־יאָרק האָט פאָריקן יאָר אויסגעטיילט אַ צאָל פּריזן צו פאַרדינסטפולע פערזענלעכקייטן אין פעלד פון יידישער שעפערישקייט. עס זענען באַלוינט געוואָרן די דיכטער רבקה באַסמאַן בן־חיים (ישראל), שלמה סימכאָוויטש (קאַנאַדע) און משה שקליאַר (לאָס־אַנדזשעלעס); דער זשורנאַליסט יצחק לודען (ישראל), דער סאָציאָ־לינגוויסט ד"ר יהושע (שיקל) פישמאַן און די טענצערין און טאַנץ־לערערין פערל לאַנג.

די פּריזן זענען אויסגעטיילט געוואָרן בעתן באַנקעט לכבוד: 60 יאָר פונעם זשורנאַל "יידישע קולטור"; 35 יאָר פון איטשע גאָלדבערגס רעדאַקטירן דעם זשורנאַל און 1000 יאָר יידיש.

דעם פאַרדינסטפולן שרייבער, רעדאַקטאָר, פּעדאַגאָג און דערציער פון עטלעכע דורות יידיש-קענער און ליבהאָבער - איטשע גאָלדבערג שיקן מיר איבער צו זיין יובילײ אונדזערע ברכות און ווונטשן פון געזונט און נאָך לאַנגע יאָרן שעפערישע טעטיקייט לטובת דער יידישער קולטור.

רעדאַקציע

# אָנגעקומען אין רעדאַקציע

* ד״ר משה וואָלף: ״העברעיִשע און אַראַמישע ווערטער אין דער יידישער שפּראַך״ - זייער אויסלייג און אַרויסרעד, זייער טייטש אין ענגליש און רוסיש, 120 זז׳ אַרויסגעגעבן פון יידישן וועלט־קאָנגרעס בשותפות מיט דער יידישער פעדעראַציע פון פּאָרטלאַנד, אָרעגאָן, תשנ״ט (1998). דאָס איז אַ ביז גאָר וויכטיקע אַרבעט צו הילף די יונגע יידיש־סטודענטן און באַזונדערס די רוסישע יידן, וועלכע האָבן יאָרנלאַנג, אונטער דעם קאָמוניסטישן רעזשים, נישט גענוצט אָדער פאַרגעסן דעם העברעיִשן עלעמענט אין יידיש־לשון און דעם אויסלייג פון די העברעיִשע ווערטער. דעם מחבר, אונדזער פריינד ד״ר משה וואָלף - אַ יישר כוח פאַר דער וויכטיקער און נוציקער אַרבעט.

* חיים שוואַרץ: ״ווען איך גיי פון אייך״, לעצטע לידער. דאָס איז אַ זאַמלונג פון דיכטער חיים שוואַרצס לעצטע, מערסטנס נישט פאַרעפנטלעכטע לידער, אַרויסגעגעבן דורך זיין טאָכטער שיינדל און זון אהרן ז״ל, צוגעגרייט צום דרוק דורך קעטלין ראָז. אין בוך איז אויך פאַראַן אַ ביאָגראַפישער עסיי פון משה וואָלף און אַן עסיי פון חיים שוואַרץ: ״מיין קרעדאָ אין דער פּאָעזיע״. 210 זז׳. קאַליפאָרניע 1998. דער דיכטער חיים שוואַרץ איז געשטאָרבן אין לאָס־אַנדזשעלעס מיט דריי יאָר צוריק.

* שירה גאָרשמאַן: ״אין די שפּורן פון גדוד העבודה״. קורצע דערציילונגען און מיניאַטורן וועגן לעבן פון יידישע חלוצים אין די 20־ער און 30־ער יאָרן פון אונדזער י״ה. פאַרלאַג ״ישראל בוך״, 80 זז׳ 1998.

* אברהם האַרטשיק: ״עס גייט אַוועק אַ דור״, געזאַמלטע לידער און פּאָעמעס, 124 זז׳, רעדאַקטירט פון אַלעק סילווער, מיאַמי, פלאָרידאַ 1998.

* ״ירושלימער אַלמאַנאַך״, צייטשריפט פאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, נומ. 26, תשנ״ח. רעדאַקטאָרן: יוסף קערלער און דוב־בער קערלער.

* ״די צוקונפט״ נומ. 3, אויגוסט־סעפּטעמבער 1998, ניו־יאָרק. דער זשורנאַל דערשיינט אונטער אַ נייער רעדאַקציע אין באַשטאַנד פון: חיים ביידער, הערשל גלעזער, יאָסל מלאָטעק און יאַני פיין. פאַרוואַלטער: שלמה קרישטאַל.

* ״יידישע קולטור״ נומ. 5־6 און 7־8 פאַרן יאָר 1998. חודש־שריפט פונעם יידישן קולטור־פאַרבאַנד, ניו־יאָרק. רעדאַקטאָר: איטשע גאָלדבערג.

* ״אויפן שוועל״ נומ. 311 און 312 פאַרן יאָר 1998, ניו־יאָרק. געזעלשאַפטלעך־ליטעראַרישער קוואַרטלניק, אָרגאַן פון דער יידיש־ליגע. רעדאַקטאָר: ד״ר מרדכי שעכטער.

* ״אונדזער צייט״ נומ. 11־12 נאָוועמבער־דעצעמבער 1998, אָרגאַן פונעם קאָאָרדיניר־קאָמיטעט פון בונד, ניו־יאָרק. רעדאַקטירט פון אַ קאָלעגיע.

* ״די פען״ נומ. 35, ווינטער־זומער 1998, אָקספאָרד, ענגלאַנד. רעדאַקטאָר: גענאַדי עסטרייך. ווי עס איז מודיע די רעדאַקציע איז עס דער לעצטער נומער פונעם זשורנאַל, וועלכער איז דערשינען במשך פיר יאָר און איז געווען אַ גוטער אָנזאָג אויפן יידיש־ליטעראַרישן פירמאַמענט. איצט איז אויך ״די פען״ פאַרשוווּנדן. אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד!

* ״יידישע העפטן״ נומערן 23, 24 און 25, פּאַריז, 1998־1999.

* ״דער אָנהייב״ נומ. 27, מאַיאַמי ביטש 1998. רעדאַקטאָר: אַלעק סילווער.

# כראָניק פון ל.א. יידישן קולטור קלוב

## 1998

* מוצאי שבת 17־טן אָקטאָבער, דערעפענונג פון נייעם קולטור־סעזאָן. פּראָפּ. דזשאָנעט האַדאַ האָט גערעדט א.ד.ט.: "צו דער געשיכטע פון אשכנז, זכרון און פאַנטאַזיע". מוזיקאַלישער פּראָגראַם: פּסח מאַלעוויטש ביי דער פּיאַנאָ.
* מוצאי שבת 31־טן אָקטאָבער, אָוונט געווידמעט דעם פאָלקס־טרובאַדור מרדכי געבירטיג. וועגן זיין שאַפונג האָט גערעדט לילקע מייזנער, דורכגעפלאָכטן מיט פּאַסיקע לידער אין דער אויספירונג פון ריסאַ איגעלפעלד.
* מוצאי שבת 14־טן נאָוועמבער, לעקציע פון ד"ר מייקל נוטקעוויטש א.ד.ט.: "90 יאָר זינט דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ". מוזיקאַלישער טייל: רימאַ בירמאַן - פּיאַנאָ.
* מוצאי שבת 21־טן נאָוועמבער, קאָנצערט־אָוונט: ליזאַ וואַנאַמייקער און דזשאָרדאַן טשאַרנאָווסקי אין אַ פּראָגראַם פון קלעזמער־מוזיק אין יידיש, העברעיש און לאַדינאָ.
* מוצאי שבת 5־טן דעצעמבער: "יידישע קאָנפערענצן און פעסטיוואַלן - וואָס ווייטער?" מיטן אָנטייל פון: מרים קאָראַל, מרים הערבסט, שמואל באַט און פּראָפּ. דזשעראַלד פּרייקאַס.
* מוצאי שבת 12־טן דעצעמבער, פּראָפּ. גילה פלאַם פון ישראל. רעפעראַט א.ד.ט.: "יידישע מוזיק אין ישראל". אילוסטרירט מיט לידער און מוזיק.
* מוצאי שבת 26־טן דעצעמבער, חנוכה־אָוונט. יעקב באַסנער אין אַ פּאַסיקן פּראָגראַם. חנוכה־לידער אויסגעפירט פונעם כאָר פון אַרבעטער־רינג, דיריגענטין מלכה שאו.

## 1999

* מוצאי שבת 16־טן יאַנואַר, אָוונט אין אָנדענק פונעם פּאָעט חיים שוואַרץ, צום דערשיינען פון זיין לעצטן לידערבוך. דער דיכטער משה שקליאַר האָט גערעדט וועגן שוואַרצס שעפערישער ירושה און סיביל בענדער האָט פאָרגעלייענט פון שוואַרצס שאַפונגען. מוזיקאַלישער טייל - עריק גאָרפיין, פידלער.
* מוצאי שבת 23־טן יאַנואַר, אַ גאַסט פון ישראל, דער דיכטער לעוו בערינסקי, פאָרזיצער פון יידישן שרייבער־פאַראיין. ער האָט גערעדט וועגן איציק מאַנגערס ליד און באַלאַדע.
* מוצאי שבת 30־טן יאַנואַר, ד"ר משה וואָלף: "די רעאַליטעט פון 70 יאָר ביראָבידזשאַן". לילקע מייזנער האָט באַגריסט דעם לעקטאָר צום דערשיינען פון זיין ניי בוך "העברעישע און אַראַמישע ווערטער אין דער יידישער שפּראַך".
* מוצאי שבת דעם 6־טן פעברואַר, ד"ר משה וואָלף: "שלום עליכמס העלדן - אַ פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז". מוזיקאַלישער טייל, מאַקס קאָנווייזער - פידעלער.
* מוצאי שבת 13־טן פעברואַר, קולטור־דירעקטאָר פון אַרבעטער־רינג אין ל.א. ד"ר עריק גאָרדאָן: "וועלטלעכע יידישקייט אין 21־טן יאָרהונדערט".
* מוצאי שבת 20־טן פעברואַר, פּראָפּ. הערשל סלוצקי: "דער

קאָנטראָווערסאַלער פּסיכאָלאָג און קינדער־דערציִער ברונאָ בעטלהיים - זיינע געז. איינשטעלונגען".

* מוצאי שבת 27־טן פעברואַר, ק ע י ג ו ד מ אַ ן: "מיין רייזע איבער אוקראַינע און רוסלאַנד". מוזיקאַלישער טייל - ר י מ אַ ב י ר מ אַ ן.

* מוצאי שבת 6־טן מערץ, קאָנצערט־אָוונט מיט דעם באַקאַנטן פאָלקס־זינגער מ אַ ר ק ל ו י.

* מוצאי שבת 13־טן מערץ: ד"ר ש ר ה ט ר י י ס ט ע ר ־ מ אָ ס ק אָ ו י ט ש: "אין שטראָם פון דורות - מיינע לידער (אין יידיש און ענגליש). מוזיקאַלישער טייל: ר י ס אַ א י ג ע ל פ ע ל ד.

צוליב אַ פאַרזען איז אין דער כראָניק פון "חשבון" נומ. 132 אַרויסגעפאַלן די נאָטיץ וועגן ב ע ב אַ ל ע ו ו ע נ ט אַ ל ס לעקציע מוצאי שבת דעם 2־טן מיי 1998 א.ד.ט.: "די פאַרשווונדענע ווילנע און אירע מערקווירדיקע געשטאַלטן". מוזיקאַלישער טייל ר י ס אַ א י ג ע ל פ ע ל ד.

**נתן שטיינמאַן**

---

די פאַרוואַלטונג פון יידישן קולטור קלוב אין ל.א. דריקט אויס אַ דאַנק פאַר זייער ברייטהאַרציקער באַשטייערונג לטובת אונדזער קולטור־טעיקייט די פאָלגנדיקע פריינד:

**שעלבי שאַפּיראָ**

**טאָני און צבי הירש**

**אַדעל און יצחק סילווער**

לכבוד רחל פערלסאָנס 90־יאָריקן געבוירנטאָג

**רחל פערלסאָן**

צו איר 90־יאָריקן געבוירנטאָג

---

מיר באַגריסן האַרציק

**רחל פערלסאָן**

צו איר 90־יאָריקן געבוירנטאָג און ווינטשן איר נאָך אַ סך יאָרן פון אַקטיווער געז. אַרבעט.

**פאַרוו. פון יידישן קולטור קלוב**